

# לכשיפוצו מעיינותיך "חוצה"...



# דאס **איבערקלייבונג** פון **חסידות** צו די פאראייניגטע שטאטן פון **אמעריקא**




זעלטן-רייכע קאפיטלען פון היסטאריע ווערט נתפרסם צום ערשטן מאל

באגלייט מיט בילדער און גאר אינטערעסאנטע דאקומענטן

• הרב אהרן פעדער

# פארוואָרט

לכבוד די הילולא קדישא פונעם הייליגער בעל שום טוב, דער מייסד פון חסידות, ברענגען מיר אן אפהאנדלונג איבער די שטורמישע יאהרן, ווען חסידות האט זיך אריבער געקליבן אויף אמעריקא.

עס איז ידוע וואס דער הייליגער בעל שם טוב האט אליינס דערציילט אין א מכתב, אז ער האט אנגעפרעגט ביי משיח'ן, אמתי קאתא מר? אויף וועלכע משיח האט דערויף געענטפערט: לכשיפוצו מעיינתך החוצה! דערפאר איז זייער קלאר, אז דערמיט וואס דער מסבב כל המסיבות האט מיט א ספעציעלע השגחה אריבער געפירט דער הייפעלע פון חסידות, אין איר באזעצט אויף דער אמעריקאנער קאנטינענט, איז דאס פארבונדן מיט פארשפרייטן די מעיינות "חוצה". עס איז נישטא נאך קיין ארט אויף דער וועלט וואס צדיקים האבן געהאט פון איר אזא פחד, ווי פון אמעריקא. אמעריקא איז פאר לאנגע יאהרן געווען "אויסער" די טעריטאריע וואס חסידות האט פלאנירט איינצונעמען.

אין דעם פאלגנדן ארטיקל באציען מיר זיך צו די ערשטע פאר אימיגראציעס פון חסידים וועלכע איז פארגעקומען דורכאויס די שווערע אומשטענדן אין רוסלאנד, עס איז נאכנישט גרונטליך אויסגעפארשט געווארן אויף א קלארער פארנעם, דעריבער וועלן מיר אין דעם ארטיקל בלויז געבן פאר די לייער אן אויבערפלעכליכער בילד, מיט געוואוסע פרטים, און מיר האפן בעז"ה אין די קומענדיגע חדשים זיך אפצוגעבן מיט געוואוסע איינצלהייטן.

מיר האבן ווי פארשטענדליך, זיך אויך פארבונדן מיטן לאנגיעריגער שרייבער און טוער הרה"ח ר' יונה לאנדא פון וויליאמסבורג, וועלכע איז א פיאנער אין פארשן די דאזיגע היסטאריע, ער האט זיך ספעציעל באַרימט געמאכט מיט זיינע געלונגענע ווערק, די צוויי שטארק צוכאפטע ביכער "דער רב הכולל און זיין תקופה" און "מאקארוב", און אין איצטיגער פאל אונז געשאנקן פילע פון זיינע ברייטע ידיעות.

## • אידישע אימיגראציע קיין אמעריקא

נאך איידער, די קאלאניסטן האבן רעוואלטירט קעגן די ענגלענדער, און פאראייניגט אלע שטאטן פון אמעריקא, אונטער די קאנסטיטוציע פון פרייהייט. האט שוין דאס אידישער פאלק געפונען "אמעריקא" אלס דער לאנד וואו אידן וועלן קענען דינען דעם אייבערשטען אן פחד און מורא.

די ערשטע ערליכע אידן, וועלכע האבן באטרעטן דעם אמעריקאנער באדן, זענען געווען די פארטוגעזישע אידן. דאס איז געווען ערב יום כפור פון יאהר תט"ו, ולמספרם 1654, ווען זייער שיף האט נאך פילע מאטערנישן געאנקערט ביי די האפן פון "נוא אמסטערדאם", היינט לאוער מאנהעטן. די אידן זענען אנטלאפן פון בראזיל, צוליב דאס דארטיגע איינפירונג פון דער אינקוויזיציע.

יענע ערשטע אימיגראציע איז טאקע געבליבן באקאנט אלס דער "פארטוגעזישער אימיגראציע", מיט די צייט האבן זיי אוועק געשטעלט די קהלות "שארית ישראל", וועלכע שטייט נאך ביזן היינטיגן טאג.

די צווייטע תקופה פון אימיגראציע, איז באקאנט אלס דער "דייטשער אימיגראציע". דאס זענען געווען די אשכנז'ישע אידן פון דייטשלאנד, און עסטרייך-אונגארן, וועלכע זענען געקומען זיך שיצן אין אמעריקא, צוליב די שטייגנדע וואוקס פון אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד.

דער דאזיגע אימיגראציע האט אנגעהאלטן במשך

פון די יאהרן תקע"ט (1819), ביז תר"כ (1860), ביים סוף האבן זיך געציילט אין אמעריקא, 200,000 אידן.

דער גרעסטער שטראם, איז אבער געווען דער דריטער אימיגראציע. דאס איז געווען אין די אנפאנג תר"ם (1880) יאהרן. די אימיגראציע האט אנגעהאלטן קודם ביז בערך תרע"ד (1913), ד.ה. ביז עס האט אויסגעבראכן דער ערשטער וועלטס קריג. און האט אנגעפאנגען נאכאמאל צו שטראמען אום תרפ"א (1921). דורכאויס די צייט, האבן אזויפיל ווי צוויי מיליאן אידן אימיגרירט פון מזרח אייראפע קיין אמעריקא.

מיר ווענדן זיך אין דעם ארטיקל באציען בלויז צו די לעצטע אימיגראציע, צוליב דעם וואס דעמאלטס איז עס געווען ווען עס זענען אפיציעל אנגעקומען די מאסן חסיד'ישע אידן. און אויך צדיקים פון די גרעסטע חסיד'ישע דינאסטיעס פון רוסלאנד, פוילן און גאליציע.

## • התנגדות קעגן "פארן אויף אמעריקא"

איידער מיר פאנגען אהן צו שרייבן וועגן די "חסיד'ישע אימיגראציע", איז אינטערעסאנט מקדים צו זיין אז באמת האט געהערשט א שטארקע קעגנערשאפט קעגן "פארן אויף אמעריקא".

עס דארף ווערן באטאנט, אז אין אמעריקא זענען געווען גאלדענע געלעגנהייטן, זיך אהער צו שטעלן סיי פינאנציעל, און אויך פאר תלמידי חכמים איז געווען דאהי פאסיגע געלעגנהייטן. עס האבן זיך אין יענע צייט אויף געשטעלט אסאך נייע קהילות, נישט נאר אין ניו יארק, נאר אויך אין אנדערע שטאטן. וויבאלד אידן האבן זיך געצויגן צו די מערב שטאטן זיך צו פארנעמען מיט ערד ארבעט אד"ג, עס איז אויך געווען א תקופה ווען עס איז געווען א "גאלד ראש", ווען טויזנטער מענטשן האבן זיך געאיילט קיין קאליפארניע, וואו עס זענען געפונען געווארן גרויסע רעזערווארן פון גאלד. איז ממילא געווען גענוג גוטע געלעגנהייטן פאר רבנים און שוחטים אנצופילן די קהל'ישע אמטן.

כ"ח. לארץ הזאת יקראו מדינת זהב, כי ע"פ הרוב יש להם שינים של זהב כקטן כגדול, וחסד גדול הוא מאתו ית' ששיניהם נופלים ואוכלים בשינים זרים כדי שלא יהנו כל כך מאכילתם ותאותם, מטריפות או משכר שבת ויו"ט ולא ישתקעו בקליפה כבמצרים, וממילא בהדי הוצא לקי כרבא...

שוין נישט צו דערמאנען די טויזנטער וועלכע זענען טאקע געקומען אהער, צו אנטלויפן פון אידישקייט. שוין אויפן וועג האבן זיי ליידער אריינגעווארפן טלית ותפלין אין ים אריין ר"ל. אויך זענען געקומען מענטשן מיט אידעלאגישע אנשויאינגען, ווי סאציאליסטן, אנארכיסטן און סתם אזוי אפיקורסים וועלכע האבן געוואלט דערלעבן א פרייער טאג אין אמעריקא.

דאס שלאג ווארט איז געווען, **"א גאלדענע מדינה"**, יעדעס שטיין אין אמעריקא איז גאלד. יעדער האט געוואלט געניסן פון א קאנסטיטוציע וועלכע פארזיכערט רעליגיעזע בארעכטיגונגען, און אויך גלייכע בארעכטיגקייטן.

ווידער צדיקים האבן געטייטשט: אמעריק"א,



א בויטשיק וועלכע האט זיך "גוט אהער געשטעלט" ווײלענדיג אין אמעריקא, פאטאגראפירט מיט זיין זיידע און נאך א אידל, ביי זיין אהיים פארן קיין אייראפע פאר א וויזיט.

איז נוטריקון עם-ריקה, א פוסטע פאלק. און עס האט טאקע געהערשט א פוסטקייט, קינדער האבן נישט באקומען קיין שום אידישע ערציאונג, אויסוואקסנדיג פוסט און פראסטע מענטשן. מען האט שנעל דערקענט אז אנשטאט זאגן אז יעדעס שטיין אין אמעריקא איז גאלד - איז אמעריקא א טריפה לאנד, ווי ממש יעדעס שטיינדל איז טריפה.

### • קיין באשעפער אין אמעריקא

עס ווערט דערציילט אז אמאל איז צום הייליגער טוריסקער מגיד געקומען א איד זיך געזעגענען, אז ער פארט אויף אמעריקא. דער מגיד איז דאס נישט געפאלן, אבער דער איד האט זיך פאר'עקש'נט. ער האט גע'טענה'ט, וואס כאפט א חילוק וואו מען איז א איד, אז וויל מען זיין א איד קען מען אויך אין אמעריקא, און אז וויל מען נישט דאן קען מען וואוינען דאהי אויך, ואם כן, פארשטייט ער נישט דעם פראבלעם פון פארן אויף אמעריקא.


ותפלה
מכל השנה
מנחה קטנה
להולכי דרך ולעוברי ימים להנוסעים
למדינת אַמעריקאַ סֿפֿ"י.
איינע מיניאטור אויזגאבע
אויף פיינער פערל שריפט.
פֿיורד בשנת תֿר"ב לפ"ק.
bei Zürndorffer & Sommer
in Fürth. 1842.

א סידור פאר אידן וואס פארן אויף אמעריקא - תר"ב



האט אים דער הייליגער טוריסקער מגיד, געענטפערט מיט א משל. עס איז ערגעץ וואו געוועז אמאל א פראסטער דארפס איד, האט ער פארמאגט א דיקער סידור, מיט א גרויסער פירוש. מאכט זיך אמאל אז א איד א תלמיד חכם, איז פארביי געפארן זיין שטעטל, און ביי איהם זיך סטאנציאנירט. איז דער סידור זייער געפעלן פאר דעם תלמיד חכם, און ער האט געבעטן פון דעם גאסטגעבער אז ער זאל איהם שענקען דאס סידור'ל, און אנשטאט דעם וועט ער אים געבן אן אנדערע סידור.

דער דארפס איד'ל האט אבער נישט מסכים געווען דערויף, און איהם געגעבן צו פארשטיין: אין מיין סידור אז עס רייסט זיך אמאל ארויס א בלעטל דא אדער א בלעטל דארט אפילו עס זאל ווערן אינגאנצן אויסגעריסן, וועל איך אבער איבערבלייבן כאטש מיטן "אדון עולם". דעם קליינעם סידור אבער, וואס דו ווילסט מיר געבן, אויב רייסט זיך נאר אויס בלויז עטליכע בלעטער בלייב איך שוין באלד אן דעם אדון עולם.

האט דער טוריסקער מגיד מיט דעם אויסגעפירט, אז מען בלייבט דא אין אייראפע, וויפיל מען זאל נאר אויסרייסן פון אידישקייט, אבער מיטן אדון עולם בלייבט מען נאך איבער. דארט אין אמעריקא, ווי נאר מען רייסט אויס עפעס פון דעם אידישקייט, תיכף בלייבט מען שוין אן דעם אדון עולם, ר"ל!

### • דעם בעלזער רב'ס תירוץ

אין ספר אוצר הסיפורים, ברענגט דער מחבר אז ער האט געהערט דעם סיפור פון רבי ישעי' אשר זעליג מרגליות-פערל, וועלכע האט עס אליינס געהערט פונעם בארנובער רב רבי שמחה הארוויץ

וועלכע האט עס פערזענליך בייגעוואוינט. געווען איז דאס ווען דער בארנובער רב האט זיך אויף געהאלטן אין בעלזא, ביים מיטעלער בעלזער רב מרן מהר"י זי"ע.

האט זיך פונקט דעמאלטס געמאכט אז עס זענען אנגעקומען צוויי חשוב'ע אידן תלמידי חכמים, פון אמעריקא, און האבן געבעטן זיך צו טרעפן מיט'ן בעלזער רב.

די צוויי חשובים האבן אראפ געלייגט דעם מצב פון פוסטקייט וועלכע הערשט אין אמעריקא, און אלעס צוליב דעם וואס עס פעלט דארט אן אדם גדול וועלכע זאל זיך אפגעבן מיט די אידישע ענינים, ווי תלמוד תורה'ס, שחיטה, מקואות און אנדערע קהל'ישע ווערטשאפטן. זענען זיי געקומען צום בעלזער רב, וועלכע איז געווען גאר א גרויסער אויפטוער, און אויב אזא איינער ווי ער וועט קומען צו גיין וועלן זיך אלע צוהערן צו איהם. מיט גרויס תחנונים און געוויין האבן זיי אים געבעטן נאכצוקומען זייער פארלאנג און קומען כאטש נאר אויף איין יאר מסדר צו זיין אלע ענינים, און דערנאך זיך צוריק קערן אהיים קיין בעלזא.

דער בעלזער רב האט זיי געהייסן ווארטן עטליכע טעג ביז ער וועט זיי ענטפערן דערויף. האט דער בארנובער רב דערציילט, איך האב זיך שוין אויף געהאלטן אין בעלזא פאר עטליכע וואכן און עס איז שוין געווען צייט אהיים צו גיין, אבער וויבאלד איך בין געווען זייער נייגעריג צו הערן דעם רב'ס תשובה, האב איך אויסגעווארט עטליכע טעג.

אזוי איז טאקע געווען, נאך עטליכע טעג האט דער רבי געלאזט רופן די צוויי חשובים פון אמעריקא, און זיי געענטפערט ווי פאלגענד: עטך זאלטס וויסן אז ווי באקאנט איז דער וועלט פול מיט חיצונים ר"ל, ווי חז"ל זאגן (ברכות ו.) "אינהו נפישו מינן ככסלא לעוגיא" (זיי זענען נאך פיל מער פון אונז), ווען נישט די גרויסע רחמנות פונעם אייבירשטען וואלט נישט געווען מעגליך אויסצוהאלטן, אפילו איין רגע, אין עולם הזה, צוליב די פילע קליפות וועלכע נעמען אונז ארום. אין אייראפע זענען שוין געווען אין די פריערדיגע דורות גרויסע און הייליגע מענטשן, די ראשונים, אחרונים, בעלי תוספות או"ו, זיי האבן מיט זייער גרויסע קדושה, און די כח פון זייער תורה מטהר געווען די לופט פון די קליפות. בפרט דערנאך וואס עס איז געקומען דער הייליגער בעל שם טוב מיט זיין חבריא די תלמידים און זייערע תלמידים, וואס האבן אויסגעלייטערט די לופט עד סוף כל הדורות, אז מען זאל קענען לערנען און דינען דעם אייבירשטען.


דער מיטעלע בעלזער רב

ווידער אין אמעריקא, זענען נאך קיינמאל נישט געווען דארט קיינע גדולים וועלכע זאלן האבן מטהר געווען די לופט. דערפאר איז נישט קיין שום וואונדער דאס וואס איר פארציילט מיר, אז מען פארלאזט די תורה הקדושה. ווייל לויט ווי איך פארשטיי איז כמעט ר"ל אוועק גענומען געווארן די בחירה פון די מענטשן, ביז עס איז נישט מעגליך נישט צו זינדיגן. איך אליינס פארכט זיך דערפאר אהין צו פארן. אויך גלייב איך נישט אז צווישן די חסיד'ישע רבי'ס זאל זיין איינער וועלכע זאל מסכים זיין צו פארן אויף אמעריקא. ווייל זיי וועלן אויך מורא האבן. האט זיי דער בעלזער רב גע'עצה'ט: גייט אריבער צו די ליטווישע גדולים וועלכע פארשטייען נישט די גרויסע סכנה פון אמעריקא, אפשר וועט איר דארט געפונען א גדול וועלכע וועט אננעמען אייער אנבאט. זיי האבן זיך טאקע געווענדן אהין, און ווי באקאנט איז געלונגען אהער צו ברענגען דער גרויסער גאון וצדיק רבי יעקל חריף פון ווילנא, וועלכע איז געווען דער באקאנטער רב הכולל פון ניו יארק.

**• פאגראמען אין רוסלאנד, די רוסישע אימיגראציע**

רעלעטיוו, האבן די אידן אין רוסלאנד, גענאסן פון גאר גוטע צייטן אונטער די הערשאפט פון "אלעקסאנדער דער צווייטער". אלעקסאנדער וועלכע האט איבער גענומען דער צארישע הערשאפט, פון זיין פאטער "ניקאליי דער ערשטער", האט פארגעשלאגן ברייטע רעפארמען. אידן האבן באקומען גלייכע בארעכטיגונגען אויף פילע זאכן. אזוי אויך האט ער מבטל געווען די שרעקליכע גזירה באקאנט אלס די "קאנטאניסטן", ווי די מלוכה האט צוגענומען קינדער פון זייערע עלטערן, צו דינען פאר דער רוסישער מיליטער.

אסאך האבן שוין אפילו געהאט געחלומ'ט פון גליקליכע צייטן פאר אידן. באזונדערס איז דאס געווען דער פאל מיט די אויפגעקלערטע אידן, די משכילים. עס איז געווען די צייט ווען די השכלה באוועגונג האט זיך געהאט צובליעט, מיט ברענגענדיג מיט זיך א נייגונג צו גלייכן זיך צו די רוסן אדער איינפאך זיך אסימילירן.

די פרומע אידן, באזונדערס די חסידים, האבן געקוקט אויף אלעקסאנדער דעם צווייטנ'ס חסדים, מיט שרעק. זיי האבן געזען דערין א געפאר, אז אידן וועלן אוועק נייגן מדרך הישר, און אראפ ווארפן פון זיך דאס אידישקייט ר"ל.

אבער מיטאמאל איז גאנץ רוסלאנד אויפגעטרייסלט געווארן, אלעקסאנדער דער צווייטער איז דער'הרג'עט געווארן אין פעטערבורג. ער איז געפאלן א קרבן פון "ניהיליסטען", די גרופע טעראריסטישע רעוועלוציאנערן, וועלכע זענען צו יענער צייט געווארן א מאכט אין רוסלאנד.



איבער געפילטע שיפן מיט אימיגראנטן אנקערן ביי די ניו יארקער האפן

די רעאקציע וואס איז געקומען אלס רעזולטאט, האט זיך גאר שטארק דערפולט אין לאנד, און ספעציעל די אידן.

מיט זיין אומקום, האט זיך געענדיגט דאס ביסל פרייהייט. אויף זיין פאטער'ס פלאץ האט "אלעקסאנדער דער דריטער" איבער גענומען דעם טראן, און גלייך בטל געמאכט אלע רעפארמען. איינס פון אלעקסאנדער דער צווייטנס לעצטע פלענער זענען געווען איינצופירן אן ערוועלטער פארלאמענט, און מאכן אן ענדע צו די אלע יאהרן פון אנארכיסטישע געפירעכץ. וואלט ווען אלעקסאנדער געלעבט נאך 48 שעה, וואלט שוין רוסלאנד פארבליבן אויף אייביג א קאנסטיטוציאנעל רעגירונג. אבער גלייך ביים איבערנעמען האט דער נייער צאר אפגעשלאגן דער געדאנק.

דער גרעסערע צרה פון אלעמען, האט נישט געשפעטיגט צו קומען. דער נייער צאר האט באשולדיגט די אידן, און אנפירן מיט דער אטענטאט קעגן זיין פאטער. די פרעסע האט זיך ארויף געכאפט דערויף, און אנגעהעצט די ברייטע באפעלקערונג, זיך א נעם צו טון איבער די אידן ה"י.

עס ווערט אנגעגעבן אז די גוי'אישע פויערן, האבן שוין פונלאנג געקענט באשטיין זיך אפצורעכענען מיט די אידן. פילע גוים זענען געווען אנגעזעצט מיט גרויסע חובות, וואס זיי זענען געווען שולדיג פאר אידן. און דא איז אונטערגעקומען א געלעגענהייט, איינמאל פאר אלעמאל זיך צו פאררעכענען מיט זיי.

בלויז א שפענדל האט אויסגעפעלט און דאס פייער האט זיך צופלאקערט. און געווען איז

דאס אין יעליסאוועטגראד דער נאכט פון אפריל 15 און 16 1861. אנגעהויבן האט זיך עס ווען א פארבייגייענדיגער סאלדאט האט געפרואווט צו צו׳גנב׳נען א מעסערל ביי אן אידישן קרעמער. דער איד האט געכאפט דעם זעלנער ביי דער האנט און געמאכט א געוואלד, מענטשן זאלן זיך צוזאמענלויפן. דער סאלדאט האט דערווייל געוומען שלאגן דעם קרעמער. דער איד איז אבער אויך נישט געווען קיין שוואכער, האט ער דערלאנגט עטליכע פעטש פאר זיין אנגרייפער. א באנדע פויערן וועלכע האבן זיך דאן געפונען אויפ׳ן מארק פלאץ, זענען אנגעקומען און דערזעענדיג ווי דער איד ראנגלט זיך מיטן זעלנער, האבן זיי זיך צוקאכט און אנגעפאנגען שרייען ״שלאגט אידן״, און דער קול האט זיך צעשפרייט איבער דער שטאט.

אזא ״בשורה טובה״, אז מען שלאגט די דזשידניוקעס האט זיך שנעל צוטראגן איבערן שטאט, פון אלע גאסן און ווינקלען זענען געקומען צו לויפן די קריסטן, און עס האט אויסגעבראכן א פאגראם. מען האט זיך א לאז געטוהן איבער דער שטאט, און וואו מען האט נאר געפונען א איד, האט מען אים דער׳הרג׳עט ר״ל. מען האט ארויס געשלעפט אידן פון די הייזער און זיי צו׳מזיק׳ט אויף די גאסן. אידישע געשעפטן זענען ארויף אין פלאמען. ווען נישט וואס דער ארטיגער הערשער וואלט אריין גערופן דער ארמיי וואלט עס געווען נאך פיל ערגער.ביים סוף זענען געווען איבער פופציג טויטע, און ווער עס האט נאר געקענט, האט געכאפט הענט און פיס און אנטלאפן פון שטאט.

דער שמועה אז מען הרג׳עט אידן האט אפגעהילכט אין גאנץ רוסלאנד, און איבעראל האבן זיך די גוים צעלאזט איבער זייערע אידישע שכנים הרג׳נענ׳דיג טויזנטע אידן, פארברענענ׳דיג אידישע האב און גוטס.

מיט צען טעג שפעטער איז פארגעקומען שחיטות און פאגראמען אויף אידן אין קיעוו. דאס איז געווען די ערגסטע פון אלע פאגראמען. און עס האט זיך נישט אפגעשטעלט נאר אנגעהאלטן דורכאויס די גאנצע זומער, און דורך די קומענדיגע דריי יאהר זענען פארגעקומען אזויפיל ווי איבער 200 פאגראמען, איבער דער גאנצער ברייט פון די היינטיגע אוקריינע, אן דעם וואס דער רוסישער מלוכה זאל עפעס זאכליך טון דאס אפצושטעלן.

צו דעם אלעמען איז צוגעקומען נאך א צרה, די ״מאי געזעצן״, צוליב דער מאנאט אין וועלכע זי איז ארויס געגעבן געווארן.

אלעקסאנדער דער דריטער וועלכע איז יעצט געווען דער רוסישער צאר, איז געווען א וויסטער אנטיסעמיט. ער האט געטון אלעס וואס מעגליך צו צוימען די אידן פון האבן סיי וועלכע בארעכטיגונג. דעריבער האט ער צוגעלייגט שטרענגערע געזעצן צו דער אזוי אויך אומדערטרעגליכע ״תחום המושב״ געזעצן (דאס איז געווען א געוויסע שטח אינערהאלב רוסלאנד ווייט פון די גרעניצן, וואו נאר דארטן האבן די אידן געמעגט וואוינען, און אז איינער האט געוואלט ארויסגיין דערפון, האט ער געדארפט ערהאלטן א ספעציעלע ערלויבעניש). די נייע געזעצן טוען עמטליך פארבאטן אידן, פון זיך באזעצן אין געגענטער וואו עס וואוינען נאך דארט נישט קיינע אידן. דאס פארבאט איבער צו שרייבן סיי וואספארא פארמעגן אדער אפילו מארטגעדזשעס פאר אידן. און אז אידן טארן נישט ארבעטן זונטאג און אין אנדערע קריסטליכע חגאות.

פון יאר צו יאר זענען די געזעצן געווארן שטרענגער צולייגנדיג נאך שארפערע איינצוימונגען, אזוי ווייט אז אום תרנ״א זענען איבער 20 טויזנט אידן ארויס געטריבן געווארן פון מאסקאווע, א שריט וועלכע איז גאר שארף פארדאמט געווארן דורך די גאנצע וועלט.

**• רווח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר**

אין יענע צייטן האט איינמאל דער הייליגער טוריסקער מגיד געדרשנ׳ט כלפי שמיא אום פורים, און ממליץ געווען אויף די אידישע קינדער, בעטנדיג אז דער אייבישטער זאל שוין שיקן דער גאולה: ״רבונו של עולם, ׳אם החרש תחרישי בעת הזאת׳, אויב וועסטו נישט צושיקן דער גאולה, דעמאלטס ׳רווח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר׳, די אידן

וועלן זיך זוכן פרנסות פון די סטרא אחרא ר"ל, זיי וועלן לערנען זייערע קינדער צו זיין דאקטורים, אדוואקאטן אד"ג, און זיי וועלן פארן אויף אמעריקא, און זיך אפלאזן פון די תורה'דיגע וועגן און בגשמיות וועט עס זיין א רוח והצלה. אבער 'וא"ת', די תורה הקדושה, וואס אירע אותיות הייבן זיך אן מיט אן א' און ענדיגן זיך מיט ת'. 'ובית אביך', די תפילות וואס די אבות הק' האבן מתקן געווען, 'תאבדו' וועלן פארגעסן ווערן ר"ל, 'ומי יודע אם לעת כזאת הגעת למלכות', אויב וועסטו כביכול צו ווארטן נאך אביסל ביז זיי וועלן מקבל זיין עול מלכות שמים ווארום ס'איז דאך אין מלך בלא עם, ווער ווייסט צו עס וועט נאך זיין וואס צו ווארטן, דערפאר אייל צו דער גאולה השלימה".

## ● הריני כפרת כל ישראל

אויך אין דער טאלנער הויף איז מען געווען צורודערט, איבער די געפערליכע שמועות וואס קומען פאר ביי די חסידים. און די צרה איז געווען נאך גרעסער וואס דער הייליגער צדיק, הרה"ק רבי דוד'ל טאלנער איז שוין געווען זייער שוואך, און קיינער האט זיך נישט דערוואגט איהם צו דערציילן איבער וואס עס גייט פאר.

מען האט אויסגעמיטן צו רעדן מיט'ן רבי'ן וועגן די אלע פאסירונגען, אויך האט מען זיכער געמאכט אז קיינער פון די חסידים רעדן נישט דערוועגן מיט איהם. דערפאר האט מען נישט צוגעלאזט די חסידים וועלכע זענען געקומען פון די דארטיגע שטעט, וואו עס זענען פארגעקומען פאגראמען.

עס איז געווען נאך פסח, און עס איז געקומען צו פארן אויף טאלנא א איד פון באלטא. ער איז געווען אן עושר, אבער ער האט אלסדינג פארלוירן אין די פאגראמען. ער איז שטענדיג געקומען אנגעטון אריסטאקראטיש, און יעצט איז ער געווען אפגעריסן און אפגעשליסן.

ווען מען האט אים דערזען אין הויף, און מען האט געהערט פון אים וואס עס האט פאסירט, האט מען באקומען אויף אים גרויס רחמנות, אבער מען


רבי דוד'ל טאלנער

האט אים נישט צוגעלאזט צום רבי'ן.

דער איד האט זיך אבער זייער שטארק איינגעבעטן, צו וועמען דען זאל איך רעדן אין אזא עת צרה אויב נישט צום צדיק.

די גבאים וועלכע האבן געציטערט פאר'ן רבי'נס געזונט האבן זיך אויס געגומען מיט אים א תנאי, אז ער קען אריין גיין מיט א קוויטל, אבער נישט רעדן מיטן רבי'ן דערוועגן און נישט שרייבן גארנישט דערוועגן אין קוויטל, דער איד האט מסכים געווען.

דער צדיק איז געזעסן אויף דער קאנאפע, ער האט געהאלטן די אויגן פארמאכט, ווי נאר ער האט דערזעהן דעם חסיד אריין קומען, האט זיך דער צדיק אויף געזעצט, ווי ער זאל זיך האבן דערשראקן, ער האט דעם חסיד אנגעקוקט און דערקענט, עס איז געווען א גרויס רחמנות אויף אים.

דער חסיד האט דערלאנגט דעם פשוט'ער קוויטל, און רבי דוד'ל האט זיך פארטיפט דערין, און פון בלויז'ן לייענען איז זיין פנים געווארן פארוואלקנט. "דו ווילסט מיר נישט דערציילן, אבער איך ווייס אלעס" האט רבי דוד'ל אויסגערופן, און פון זיינע אויגן זענען גערינען טרערן.

א מורא'דיגע גזר דין איז אראפ פון הימל, און דער חרון-אף איז נאכנישט איינגעשטילט, עס קומען נייע גזירות, נייע רדיפות...

דער צדיק האט זיך פארטראכט און געפאדערט פון דעם איד, אלסדינג צו פארציילן. זעהענדיג אז דער צדיק ווייסט פון אלעמען, האט ער טאקע אלעס איבערדערציילט און איבער די שרעקליכע מאטערנישן וואס דאס אידישע פאלק גייט דורך.

רבי דוד'ל איז געזעצן און אויסגעהערט אלעס

מיט אן אראפ געלאזטער קאפ בשעת טרערן רינען פון זיינע אויגן.

„הריני כפרת כל ישראל" האט דער צדיק זיך אנגערופן. דאס איז געווען דער לעצטער קוויטל וואס דער צדיק האט גענומען. י' אייר תרמ"ב איז רבי דוד'ל טאלנער נסתלק געווארן.

## ● א ווייטער בליק

ווידער הרה"ק רבי יוחנ'טשע ראחמיסטריווקער זי"ע האט ווייזט אויס געהאט אן אנדער בליק איבער דער צוקונפט פון אמעריקא. לאמיר ציטירן מילה במילה פון דער "פארווערטס" ו' אייר תש"ב, דאס איז א בריוו אין וועלכע מרת ראזענבלאט די טאכטער פון דעם בארימטער טאלנע חזן ר' יאסלע וואלניק-טאלנער שרייבט איבער איר פאטער, און לייגט צו דעם עפיזאד: "און דא וויל איך איבערגעבן זעהר אן אינטערעסאנטן פאל:

„מיין זיידע, ר' אלטער זלאטאפאלער האט געהאט א טאכטער, דער מאמעס א שוועסטער, האט ער זי פאר'קנס'ט פאר איינעם א שלמה כהן, דער חתן איז געווען א מענטש מיט איניציאטיווע, און ער איז אוועקגעפאהרן קיין אמעריקא, און האט זיך דארט אויף געארבייט, און דאס איז געווען מיט די שטילע הסכמה פון דער כלה, דאס איז געווען פארגעסט ניט, נאך מיט פינף און פופציג יאהר צוריק (תרמ"ז), ווען דער חתן האט צוגעשיקט פאר דער כלה א שיפסקארטע מיט געלט, און די כלה איז שוין געווען גרייט צו פארן קיין אמעריקא, האט דער זיידע דער זלאטאפאליער רב, זיך אנגעהויבן רייסן די האר פון קאפ, וואס הייסט ער וועט שיקן זיינס א קינד קיין אמעריקא?

„אמעריקא, דארפט איר וויסן, איז יענע יארן ביי פרומע אידן געווען פארערכנט פאר א הפקר-לאנד, אן אידישקייט. אבער די כלה האט געגליכן דעם חתן, און זי האט יא געוואלט פארן קיין אמעריקא.

עטליכע חדשים נאכאנאנד האט מען זיך ארומגעריסן איבער דעם, ביז ס'איז געבליבן, אז מיין טאטע וועט פרעגן ביי ר' יוחנ'ציע ראכמעסטריווקער, וואס מ'זאל דא טאן. ווי ער וועט הייסן אזוי וועט בלייבן, און ווען איך טראכט איצט וועגן דעם, וואס ר' יוחנ'ציע האט דעמאלטס געזאגט, זע איך, אז ס'איז טאקע אמת, וואס שטעהט געשריבן, "חכם עדיף מנביא" (א קלוגער איז בעסער ווי א נביא). אט הערט. ס'איז כדאי מ'זאל איצט געדענקען:



בילד פון החזן ר' יאסעלע טאלנער וועלכע מרת ראזענבלאט האט מיטגעשיקט מיטן בריוו

„ווען ר' יוחנ'ציע האט דערהערט, אז דער זלאטאפאליער רב איז גרייט אפצולאזן דעם שידוך צווישן זיין טאכטער ברכה און דעם חתן שלמה כהן דערפאר וואס ער איז אוועק אין דער "הפקר-לאנד" אמעריקא, האט ער צו מיין טאטע'ן אזוי געזאגט:

„געהט זאגט אייער שווער, אז ער זאל ניט שטערן זיין טאכטער: זי וויל פארן, זאל זי פארן! זאגט אים אויך, אז אמעריקא איז ניט קיין הפקר-לאנד, און אז ס'וועט אמאל קומען א צייט, ווען די גאנצע אידישקייט, וועט זיך אריבערטראגן קיין אמעריקא. זאגט אויך אייער שווער, אז לא המקום גורם: ווער ס'וויל נאר זיין א איד, קען ער זיין אפילו אין א מדבר, און ווער ס'וויל דאס ניט זיין, העלפט ניט אפילו ווען ער וואוינט אין ירושלים".

„אזוי האט דער רבי ר' יוחנ'ציע געזאגט נאך מיט פינף און פופציג יאהר צוריק. און דאן איז מיין מאמע'ס שוועסטער, ברכה, אוועקגעפארן קיין אמעריקא און זי האט מיט איר מאן שלמה כהן געלעבט אין ניו העיווען היבשע עטליכע יאהר און געפירט א שעהן אידיש לעבן. איר מאן איז מיט זיבן יאר צוריק געשטארבן, און די מומע ברכה איז נאך איצט אויף טעטיג אין דער לעדיס אקזילערי פון די ישיבות". ע"כ.

די אלע שוידערליכע פאגראמען האבן טאקע



רבי יוחנ'טשע
מראחמסטריווקא

באוואויגן טויזנטער אידן איבער צו לאזן דער רוסישער מוטער לאנד, און זוכן נייע גליקן. און פארשטייט זיך אז דער כמעט איינציגסטע אפציע איז געווען די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקא. אנדערע האבן זיך אויך באזעצט אין ארגענטינא, און אפילו אין ארץ ישראל.

**• א צווייטע רונדע פאגראמען**

א פיל מער בלוטיגער מאסע פון פאגראמען האט אויסגעבראכן אום תרס"ג (1903), דאס-מאל האט זיך עס אנגעפאנגען אין קעשינוב. עס איז געווען אלס א רעזולטאט פון א רעוועלוציע וואס האט אויסגעבראכן קעגן דעם צאר, און ווי שטענדיג זענען די אידן געווען די באשולדיגטע.

אום מאי פון 1903, האט אויסגעבראכן א שוידערליכע פאגראם, וואס ווערט באריכטעט דעמאלטס אין דער צייטונג ווי פאלגענד: *"די אנטי אידישע ראיאטן אין קעשינוב, בעסעראביע, זענען פיל ערגער פון וואס דער צענזור וואלט ערלויבט צו דרוקן. עס איז געווען א גענייט אויסגעלייגטע פלאן פאר די מאסן שחיטות פון אידן, אין דעם נאכפאלגנדיגער טאג פון דער קריסטליכער חאגע, איסטער. די מאסן געפירט דורך זייערע גלחים האבן געשריגן "הרג'עט די אידן", און האבן מיט זייערע געשרייען איבערגענומען דער גאנצער שטאט. די אידן האבן זיך בכלל נישט גערעכנט דערויף, דעריבער זענען זיי אויסגע'שחט'ן געווארן ווי שאף. די נומער פון טויטע איז 120, און די פארוואונדעטע זענען 500. דער שרעקעוודיגע סצענע איז נישט מעגליך צו באגרייפן. קינדער זענען ממש צופליקט געווארן אויף שטיקער ביי די בלוט דארשטיגער המון. די לאקאלע פאליציי האט נישט געטון גארנישט אפצושטעלן דער טעראר. ווען די זון האט אויף געשיינט זענען די גאסן געווען אנגעהויפנט מיט טויטע און פארוואונדעטע קערפער. די וואס האבן געקענט האבן געמאכט פליטה, און דער שטאט איז ליידיג פון אידן".*

עס זענען געווען באווייזן אז די פאליציי האבן געוואוסט פון פאראויס איבער די פאגראמען, און פילע היסטאריקערס צייגן אן נאכמער, אז עס איז געווארן פלאנירט און אונטערגעשיקט דורך די אוטאריטעטן און דורך די רוסישע געהיים פאליציי. און אויך דא האט זיך עס איבער געטראגן איבער 64 שטעט, באזונדערס איז דער פאגראם פון 1905 אין אדעס געווען דאס שוידערליכסטע, איבערלאזנדיג צוויי מיט א האלב טויזענט טויטע אידן.

ווידער אמאל האבן אידן גענומען דעם וואנדער-שטעקן און געוואנדן זייערע אויגן קיין אמעריקא. און ווי איז נעבעך געווען פאר די וואס זענען ליידער איבערגעבליבן אינדערהיים.

אין די בריוון וועלכע זענען געשיקט געווארן צו



א ספעציעלע קאמיטע וועלכע האט געהאלפן די באטראפענע אידן, לייענען מיר ווי פאלגענד:

*״בקשה פון יוסל קלעזמער. זיצט מיט זיעבן קליינע קינדער אין קעלט און אין הונגער, דער ווירטה פון הויז האט איהם ארויסגעווארפן פון דער דירה, ליגט אויף דער גאס. מען האט איהם ניט בערויבט, נאר אזוי ווי אין שטאדט איז געווען דער פאגראם אונד די רעוואלוציע איז גרויס, עס איז געשטערט די געשעפטן אונד יונגע לייט זיינען פול אין די טורמעס אונד פיעל זיינען גע'הרג'ט געווארן און פיעלע לויפען נאך אמעריקא, איז קיינע שמחות ביי אידן. אזוי ווי דער נביא האט געזאגט: ׳שבת משוש לבנו׳, ער פערדיענט ניט אפילו קיין מזון סעודה אחת, בעט ער שטיצע פון קאמיטעט, מען זאל אויף איהם רחמנות האבען, דערהאלטען די נשמות פון זיינע קליינע קינדער מיט זיין פרוי, זיי זאלען ניט אוועקגעהן פון דער וועלט פון הונגער און קעלט״.*

*״בקשה פון א מלמד יוסף ביעלאוויצקי, זיצט זיך מיט זעקס קליינע קינדער מיט א פרוי, האט געהאט זיין פינסטערען מעמד, האט פארדיענט 40 רובעל א מאנאט, האט זיך געשפייזט מיט כבוד. נאכ'ן פאגראם, פיעלע בע״ב פאטערס פון די קינדער וועלכע האבן ביי איהם געלערנט און זיי האבען געצאהלט שכר לימוד, זיינען אפגעפאהרן צו פאמיליע אין אנדערע שטעדטלאך, איינער איז אוועק קיין אמעריקא, קיין תלמידים איז ניטא, קיין געלד מזומן - געוויס ניט. קיין ברויט אין שטוב איז ניטא, קיין קוילען, האלץ - אויך ניט, דירה געלד בין איך שולדיג, דער בע״ב פון הויז, א יוד, ער דריקט מיר ניט, מאנכעס מאל טראגט ער אריין א שטיקעל ברויט אין שטוב מחיה צו זיין די נפשות. איך אליין בין קראנק פון פארקיהלונג, ווייל איך געה אין מנעלים קרועים, דאס הייסט-צו ריסענע שיך, איך בין יאדושליוועך, דאס רופט מען ביי אונז אין רוסלאנד קראנקהייט פון הוסטען. יעצט וואס זאל איך טאהן צו מיינע ליידען: צו זעהן ווי מיינע קינדער שמאכטען פון הונגער אונד ווי איך זעגען זיך יעדער מינוט פון מיין לעבען, אז איך ליעג א גאנצע נאכט און קען ניט איינשלאפען פון הוסטען אז איך מיין איך ווער דערשטיקט. אונד אבנעצען דעם האלז מט א ביסעל ווארימע וואסער מיט צוקער, ווער רעדט שוין פון מילך - איז ניטא, ווייל ממש קיין קאפיקע, דאס רופט מען א פעני איז אין שטוב ניטא. בעט איך: רעטעט מיר, א פאטער פון זעקס קינדער, פון שרעקליכען טויט פאר דער צייט און איך זאל נישט זעהען מיינע קינדערס טויט פאר דער צייט, שטיצט מיר מיט וואס מעגליך...״*



לאנגע רייעס מיט מענטשן פילן אהן די קארידארן פון די HIAS (היברו אימיגרעישאן עיד סאסייעטי) אפיס אין ראוונע, צו באקומען וויזעס אויף אמעריקא

**• אמעריקא אלס א שמעלץ טאפ**

ווען דער ערשטער וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן, האט דער אמעריקאנער רעגירונג פארשלאסן אירע טויערן, און דער אימיגראציע האט זיך טאטאל אויף געהערט, בלויז ממש געציילטע אידן האבן דאן אימיגרירט.

אינעם פאלגנדיגער ארטיקל לייגט דער שרייבער אראפ, אן אינטערעסאנטע טעאריע לויט א כראנאלאגישע סדר, דער סיבה וואס האט געברענגט צו די אלע ירידות און אידישקייט, און די רעזולטאטן

פון די אויפהער פון אימיגראציע, דער ארטיקל איז געווען געדרוקט אין א ניו יארקער צייטונג "דער ניו יארקער טריביון" אין 1918 (תרע"ח), און באציט זיך צו אן אינצידענט מימים ההם ווען אסימילאציע ביי די אמעריקאנער אידנטום, איז שטארק געשטיגן, עד כדי כך אז עס איז פארגעקומען דאס שרעקליכסטע - אז א מיידל פון ארטאדאקסישע עלטערן אין די איסט סייד מאנהעטן, האט ל"ע געהייראט א גוי, און די חתונה איז פארגעקומען ביים פאטער אין שטוב, מיט די באטיילונג פון פרומע געסט. דער קעפל איז "אמעריקאנער שמעלץ טאפ טוט שוין צולאזן אידישע רעליגיע און ראסע", ר"ל.

*"די גאנצע פייערונג איז פארגעקומען אינערהאלב די אידישע איסט סייד. אין די סיבה דערצו איז אז אזעלכע זאכן פאסירן סיי וואו אידן האבן זיך נאר באזעצט אין די לעצטע יאהרן, צו אין בראנסוויל, וויליאמסבורג, האלרעם און די בראנקס.*

*"כאטש דאס איז - היינט - א טעגליכע ערשיינונג ל"ע, נאכאלץ אבער ווען דאס וואלט געווען פאסירט פאר בלויז דריי יאר צוריק, וואלט דאס ערוועקט א גרויסע מהומה אינערהאלב די ערליכע אידן.*

*"דריי יאר איז שוין אריבער זינט עס האבן זיך אויף געהערט די גרויסע אימיגראציעס אין דעם לאנד. אידישע אימיגראציע איז איז פאקטיש געקומען צו אן ענדע זינט דער ערשטער וועלטס מלחמה האט אויסגעבראכן. עלטערן, קרובים, פריינט און שטאטסלייט מיט פארבינדונג צו דער "אלטער וועלט", קומען שוין נישט צו קריטיקירן די פירונגען פון די יונגע דורות אין אמעריקא, און זיי דערמאנען די וועגן וויאזוי אידן האבן זיך געפירט אינדערהיים.*

*"ווען דאס מיידל וואלט ווען געוואלט חתונה האבן מיט דעם קריסט, פאר בלויז דריי יאהר צוריק, און ער וואלט זיך אנטזאגט פון מגייר זיין... וואלט זי געדארפט איבער לאזן אירע עלטערנ'ס הויז, און זיי וואלטן אפגעהאקט מיט איר סיי וואספארא שייכות.*

*"מיר וואונדערן זיך וואס עס וואלט ווען געווארן מיט די ערשטע אידן וואס האבן זיך דא באזעצט, ווען נישט די דייטשען וואלטן זיך ארויס געשטעלט קעגן די אידישע ראסע. מיר וואונדערן זיך וואס עס וואלט ווען פאסירט מיט די אידן פון אמעריקא, אויב וואלטן די רוסן נישט אונטערגעהעצט די פאגראמען אין רוסלאנד און אין רומעניען, און ווען נישט די עסטרייך-אונגארישע באלעסטיגן די אידן.*

*"לאמיר דורך טון די פארגאנגענהייט.*

*"די פארטוגעזישע אידישע פליטים, אדער די אנוסים וועלכע האבן זיך באזעצט אין ניו אמסטערדאם (ניו יארק פון דאן) פאר צוויי הונדערט יאר און זעכציג יאר צוריק, זענען געווען גרייט צו שטארבן פאר די רעליגיע פון זייערע עלטערן. זיי זענען געווען די מערסטע צופרידענע מענטשן ווען זיי זענען דאהי באשאנקען געווארן מיט רעליגיעזע פרייהייטן. זיי האבן זיך צוריק גענומען מיט גרויס אייפער צו פראקטיצירן די רעליגיע וואס זיי האבן ביז דאן נישט געטארט פראקטיצירן.*

*"אבער מיט דער צייט לײדער, ווען זייערע קינדער זענען אונטערגעוואקסן, אין אן אטמאספער וואו רעליגיע ווערט נישט געשעפעט, האבן זיי אנגעפאנגען נאכצולאזן דעריין. זיי האבן וויניגער געלערנט און צוביסלעך נאכגעלאזט נאך און נאך, אויף אזוי ווייט אז שוין ביים יאר 1840, כאטש וואס זיי האבן נאך פארמאגט שולן מיט רבנים, האבן זיי אויף געהערט קומען אין שול דאווענען. די רבנים זענען שוין געווען וויסטע עמי הארצים. אסימילאציע צווישן אידן און גוים איז געווארן אן אפטע ערשיינונג, צוביסלעך האבן זיי איינגעשרימפן.*

*"דערויף איז געקומען די דייטשע אימיגראציע ווען טויזנטע דייטשע אידן האבן אימיגרירט אויף אמעריקא, אלס רעזולטאט פון וואקסנדע אנטי-סעמיטיזם אינדערהיים. דייטשלאנד איז דאן געווען א גרויסער צענטער פאר אידישקייט, תורה און פרומקייט. און מיט דער גאנצער כבוד און עהרע האט דאס אבער אנגעהאלטן פאר גאר א קורצע צייט, אין משך פון בלויז פערציג יאר האבן דייטשע אידן אין אמעריקא פארלוירן זייער אידישער אידענטיטעט. די רבנים וואס זיי האבן פראדוצירט האבן געוואוסט*

גאר ווייניג איבער אידישקייט. זייערע רעדעס זענען געווען אנגעפיקעוועט מיט פאליטיק, פילאזאפיע און אלעס אויסער אידישקייט.

"פראמינענטע רבנים האבן זיך פאראייניגט ר"ל מיט די קריסטן, און עס איז שוין באלד אוממעגליך געווען צו דערקענען ווער עס איז דער איד און ווער דער קריסט ר"ל.

"ווער ווייסט וואס וואלט געווען מיט אידישקייט אין אמעריקא, אויב וואלט אלעקסאנדער דער דריטער נישט אונטערגערייצט די רוסן קעגן זיינע אידישע בירגער, און זיי דאדורך פארטריבן צו זוכן שוץ אין אמעריקא.

"אמת טאקע אז עס זענען אויך מיטגעקומען סאציעליסטן, אנארכיסטן, כופרים און אנדערע גאטלאזע מענטשן, אבער די גוטע זענען געווען פיל מער. די ערליכע האבן מיטגעברענגט נייע חיות פאר אידישקייט און אמעריקא.

"דער איינפלוס איז געווען ריזיג, און מען האט דאס גלייך געפילט. זיי האבן געמאכט די אמעריקאנער אידן זיך פילן פארשעמט מיט זייער אסימילאציע און זייער זיך מישן מיט די קריסטן. עס האט אריין געברענגט שטאלצקייט אין די אידן צו באלאנגען צו דער אידישער פאלק, מער פון וואס זיי האבן נאר אמאל געהאט.

"דער רבנים סעמינאר פון סינסענעטי, וואס האט פראדאצירט די רבנים, וועלכע זענען געווען מער באהאוונט אין די קריסטליכע בייבל [ר"ל] ווי אין [להבדיל אלף אלפי הבדלות] תורת משה, ווי רבנים האבן גראדואירט, וויסנדיג כמעט גארנישט איבער אידישקייט. האבן שנעל אריבער געברענגט מעבר לים, געלערנטע תלמידי חכמים צו לערנען מיט די רבנים, אזוי אז זאלן זיך נישט דארפן שעמען פאר די רוסישע אידן.

"אין די נאכפאלגנדיגע יארן האט געהערשט א היפשע אויף וואכונג אין אידישקייט, פילע אינסטיטוציעס האבן זיך געגרינדעט, אידישקייט האט אנגעפאנגען ווידער צו בליען, און מאנכע האבן פארגעזען א גלענצענדער עתיד פאר אידישקייט אין אמעריקא.

"אלעס איז פיין געגאנגען ביז, דער ערשטער וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן און דער אימיגראציע האט זיך אפגעשטעלט. עס זענען שוין נישטא די נייע אימיגראנטן וועלכע ברענגען מיט זיך דאס לעבן פון דער אלטער וועלט. ס'איז נישטא ווער עס זאל קריטיקירן דעם אמעריקאנער לעבנס שטייגער.

"דער מעלטינג פאט, ארבעט שוין ווידער, און צעלאזט דאס אידישקייט.

"די רבנים פון די אלטע לענדער זענען אדער אומוויסנד איבער די אמעריקאנער לעבנס שטייגער, אדער ציען זיי נישט דער רעספעקט פון דער יונגער דור. דער אמעריקאנער געמאכטע ראביי, זעט אויס נישט צו האבן די מאכט צו קענען באאיינפלוסן די דורות פון די אימיגראנטן.

"און וואס איז וועגן די עלטערע גענעראציע וועלכע איז אהער געקומען צוליב'ן קענען פראקטיצירן זייער רעליגיע פרייערהייט? דער תירוץ דערויף האט שוין דער פסוק געענטפערט.

"אדער זענען זיי שוין מיד פון די כסדר'דיגע געפעכטן מיט די יונגע אמעריקאנער, אדער ווייל די רעגירונג מישט זיך נישט אריין אין די רעליגיעזע פראקטיצירונגען, און זיי זענען צו פריי. עס שטייט אין פסוק: וישמן ישורון ויבעט!

"דורך די שרעקליכע צייטן אין רוסלאנד, האט אין פאלטאווא געוואוינט אן ערליכער מאן, ראבינאוויטש. ער איז געווען א גאט-פארכטיגער מאן, און אויסגערופען דאס מען זאל אריבער קומען צו אים אין שטוב, וואו ער וועט אפרעכטן א ספעציעלע תפלה פארן רבוש"ע.

"עס האבן זיך טאקע פארזאמעלט היבש אן עולם ביי אים אין שטוב, און ער האט אויף געהויבן זיינע הענט צום הימל: הייליגער באשעפער, דיינע חסדים זענען גרויס, איך בעט דיר הער נישט אויף צו שיקען מכות און פארפאלגונגען פאר די אידן. פרייהייט, רייכטום און אנדערע גוטס איז נישט פאסיג פאר

*דאס אידישער פאלק. זיי מוזן שטענדיג פילן דעם אייזערנעם פויסט פון פארפאלגונג און ארימקייט נאר אזוי וועלן זיי זיך האלטן געטריי צו די תורה!*

*"אויב פאסירט נישט א נס זאפארט און די טויערן פון אמעריקא עפענען זיך נישט אויף פאר אימיגראציע, דאן איז א ספק צו עס וועט עפעס בלייבן דערפון".*

### • נאך פאגראמען, א פרישע אימיגראציע

דער ערשטער וועלט מלחמה האט זיך געענדיגט, איבערלאזנדיג אלע אייראפעישע לענדער צעריסן און צעפליקט. עס איז געקומען דער צייט צו מאכן אן ענדע פאר די אנארכיסטישע הערשאפטן. און אום 1917 האבן די רוסישע באפעלקערונג אינאיינעם רעוועלוציאנירט, קעגן דעם צאר, און מען האט אים אראפ געווארפן פון זיין טראן. אמת טאקע אז עס האבן זיך דאן געענדיגט די אלע גזירות קשות אכזריות אויף אידן. אבער אויב האט מען געמיינט אז עס ערווארטעט גוטע צייטן, האט מען זיך ליידער ביטער געגרייזט. צום ערשט איז טאקע געשטעלט געווארן א צייטווייליגע רעגירונג, און טאקע א דעמאקראטישע. אידן האבן באקומען רעכטן, און עס איז געווען א גן עדן פאר אידן. אבער נישט לאנג דערויף האט אויסגעבראכן דער בירגער-קריג, וועלכע האט פארשטענדליך איבער געלאזט די אידן מיט די גרעסטע פארלוסטן.



א איד ווערט ארויסגעווארפן אין גאס אין די איסט סייד

פארשידענע ארמייען אונטער די פירערשאפט פון פארשידענע גענעראלן האבן זיך געקריגט איבער ווער עס זאל איבער נעמען דער רעגירונג. ווען איינער האט איבער גענומען איין שטאט האט דער צווייטער איהם נאכגעפאלגט, און איבער גענומען דעם זעלבן שטאט אונטער אים. דורכאויס וואס די באנדעס זענען געגאנגען פון שטאט צו שטאט, האבן זיי אויסגעג'שחט'ן מענער, פרויען און קינדער ה' ישמרנו. די מאסיווע פאגראמען וואס זענען דעמאלט פארגעקומען זענען גרויליג צו רעדן דערפון.

נאך וואס די באלשאוויקען דאס הייסט די קאמוניסטן האבן געזיגט, איז דער צאל אידישע הרוגים געווען אזויפיל ווי 250,000 וועלכע אומגעקומען דורכאויס 1,236 אינצידענטן ר"ל. דאס מערסטע דורך פעליורע באנדעס, דערנאך דורך די ווייסע ארמיי און ספעציעל די דעניקין באנדעס, און דורך די רויטע ארמיי פון גערגעל וועלכע האבן געזיגט נאך אכט און האלב פראצענט דורך די רויטע ארמיי פון גערגעל.

עס איז א באזונדערע קאפיטל פאר זיך, אבער דאס האט צוגעברענגט אזא מאסיווע אויסוואנדערונג פון רוסלאנד קיין אמעריקא, אז ביים סוף פון אלע דריי רוסישע איינוואנדערונגען זענען געקומען אויף אמעריקא צוויי מיליאן אידן.

### • געפילן פון בענקעניש

די אידן וועלכע האבן אהער ארויס געוואנדערט, זענען געבליבן זייער צוגעבינדן צו זייער היים פון אמאל. דער קולטור און אינטימליכע פירונגען פון וואס זיי האבן זיך נישט געקענט שיידן.

דערפאר איז געווען אזא "מנהג" צווישן אימיגראנטן, זיך צו פאראייניגן אונטער אן א.ג. לאנדסמאנשאפט.

**די אידן האבן זוכה געווען זיך מסתופף צו זיין אין די הויפן פון אזעלכע גרויסע צדיקים, אז ניצוץ אחד יוצא מהם ושורף את כולם. אמעריקא האט נישט געקענט אפקילן דעם חסיד'ישער ברען וואס האט אין זיי געפלאקערט.**

קודם האט דאס ערמעגליכט אז אין א פרעמד לאנד זאל מען קענען האבן א געמיינזאמע שפראך מיט חברים וועמען מ'האט געקענט פון פריער. חוץ דעם האט עס אויך געדינט אלס א מיטל ארויס צו העלפן זיך איינער דעם אנדערן מיט'ן זיך איינגלידערן. ספעציעל האט מען זיך דאדורך אפגעגעבן מיט שיקן געלט אהיים, אדער זיי גאר ברענגען אהער.

נישט נאר בחייהם, נאר אויך במותם האבן זיי זיך נישט געקענט שיידן, און יעדע אזא לאדסמאנשאפט סאסייעטי, האט זיך געקויפט א שטיק קרקע אין איינע פון די אידישע סעמעטערי'ס, ויקרא שמו בישראל אויפ'ן נאמען פון יענע שטאט, און ביים אוועקגיין פון דער וועלט האט מען געהאט די מעגליכקייט צו ליגן אינאיינעם.

די ליסטע פון לאנדסמאנשאפטן איז זייער א לאנגע, יעדעס שטעטל און דערפל און אפילו גאנצעטע געגנטער האבן זיך פאראייניגט אונטער א.ג. סאסייעטיס פון לאנדסמאנשאפטן. עס איז דערפאר זייער אינטערעסאנט, דורך צו קלעטערן די בתי חיים פון נוא יארק און אומגעגענט, און געפונען "היימישע" נעמען פון שטעט. אזוי אויך קען מען אפלערנערן אסאך באהאלטענע און באגראבענע היסטאריע.

אויסער דעם האבן די אידן געלעבט מיט דעם אמאל, און ווי עס איז דא א וועלט'ס שפריך ווארט: "אויס איד קען מען ווערן, אבער אויס חסיד קען מען נישט". דאס האט מען באשיינפערליך געקענט זעהן דאהי אין אמעריקא. אידן האבן גערעדט אזעלכע גרויסע זאכן פון זייערע רבי'ס, אז אויב מען האט פארמאכט די עלעקטער האט מען געקענט זיך דאכטן, אז מען שטייט פאר א דורך געוועיקטער, חסיד'ישער איד מיט א לאנגער בארד. די אידן האבן זוכה געווען זיך מסתופף צו זיין אין די הויפן פון אזעלכע גרויסע צדיקים, אז ניצוץ אחד יוצא מהם ושורף את כולם. אמעריקא האט נישט געקענט אפקילן דעם חסיד'ישער ברען וואס האט אין זיי געפלאקערט.

דער טאלנער רבי, הרה"ק רבי דוד מרדכי זצ"ל, האט אין משך פון א שטיק צייט געשריבן אין דער מארגען זשורנאל פארזעצונגען, איבער דער ביאגראפיע פון טאלנער חסידות. אויך איז געווען אין ניו יארק א גרויסער שרייבער א בנן של קדושים, וועלכע האט געשריבן מעשיות פון צדיקים. זיינע ווערק זענען וועכנטליך געווען געדרוקט אין דער "מארגען זשורנאל", און די אידן האבן געלעבט מיט זיינע מעשיות. מען קען געפונען אין זיינע ארכיוון אומצאליגע בריוון וואס אידן האבן געשיקט צו אים. פילע מעשיות זענען אזעלכע וואס די שרייבער האבן אליינס בייגעוואוינט ביי די פריער'דיגע צדיקים. עס וואלט אפשר געווען אינטערעסאנט אראפ צו ברענגען א סיפור פון איינע פון די בריוון, עס איז נאך נישט ערשינען דעם סיפור אין קיין שום בוך.

*ב"ה*

*7'טע פעברץ 1930*

*"צווישן אייערע "מעשה'לעך פון גרויסע צדיקים"*

*וואלט דאכט מיר געווען כדאי צו דערצעהלען אייך דאס פאלגענדער מעשה'לע:*

*"מיין פאטער ר' זונדל פוטשקאוו פון טאלנא ז"ל, איז געווען אלע יארן פון די גאר געהויבענע און נאנטע חסידים פון אלטען סקווירער רבי ר' יצחק'ל זצ"ל, איין מאהל איז אים אויס געקומען צו זיין אין סקווערער הויף ראש השנה, געהענדיג פון דאווענען האט דער רבי מיט זיך מיט גערופען מיין פאטער צו זיך אין זיין חדר מיוחד, זייענדיג דארט איז אריין געקומען דעם רבינ'ס משמש און האט געצייגט דעם רבין א גרינעם אוגערקע וואס איינער פון די חסידים האט געבראכט דעם רבין אויף 'שהחיינו'.*

*"דער רבי האט געהייסען דעם משמש בריינגען א מעסער מיט א טעלער און אפשיילען די אוגערקע, דער משמש האט אזוי געטאהן ווען ער האט געזען שיילען איז דעם רבין ניט געפעהלען ווי אזוי ער האט געטאהן, זאגט דער רבי צום משמש: "דארפסטו שיילען דיק און עס זאל בלייבן דין, און נאך היינט אום ראש השנה, איז דאכט מיר גלייכער צו שאוועק שיילען די"ן און עס זאל בלייבן רחמי"ם".*

*"דער משמש זייענדיג א פראסטער מענש האט נישט פארשטאנען די כוונה, האט ער אויס געשטעלט א פאר אויגן און געקוקט, רופט זיך אן דער רבי צו מיין פאטער ע"ה מיט אים דארף מען ריידען פשוט, זאלסט וויסען זיין אז אלע זאלצען און מינעראלען פון דער אוגערקע געפונען זיך אונטער דעם דינער אייטעל פון שאלעכץ, הייסט אז דו שיילסט אזוי גראב ווארפסטו דאך אוועק דאס בעסטע, איז פשט א רחמנות אויף דער אוגערקע וואס זי בלייבט ווערטלאז.*

*"ווען דער משמש האט דאס אויך ניט פאר שטאנען, האט דער רבי אוועק גענעמען פון אים דאס מעסער מיט דער אוגערקע און האט אליין אפ געשיילט, אבער אזוי קונציג דין ווי דער פיינסטע צוגארעט פאפיער, נאכהער האט ער זיך געווענדעט ווידער צום משמש, נעהם אוןווארף ארויס דעם דין, אין היינטיגען יום הדין דארפען אידען גאר אסאך רחמים".*

*מיט כבוד אליעזר פוטשקאוו*

נישט נאר זענען די אידן געווען צופרידן אז זיי אליין האבן זיך דאהי באזעצט. נאר זיי האבן אויך געקענט באשטיין צו האבן זייערע רבי'ס נאנט צו זיך.

דערפאר קען מען באמערקן, ווי די רבי'ס האבן זיך באזעצט אין די געגנטער פון וואו זיי זענען געקומען. געבנדיג א געלעגנהייט פאר זייערע לאנד'סלייט, צו געניסן פון זייער אנוועזנהייט.

למשל, דער טאלנער רבי, רבי משה צבי זצ"ל וועלכע האט זיך באזעצט אין פילאדעלפיע, איז אהין געקומען צוליב דעם, וואס איידער ער איז ארויס געקומען אויף אמעריקא, האט ער געוואוינט אין סאראקא (דער שטאט איז גראדע באקאנט, צוליב א קאנפליקט איבער א שוחט אין וואס הרה"ק רבי דוד'ל סקווערער איז געווען פארמישט). און אין פילאדעלפיע זענען געווען באזעצט פילע סאראקאער לאנד'סלייט.


דער טאלנער רבי
איז געקומען צוריק אין בראנזוויל
דער רבי געפינט זיך אין
1873 פראספעקט פליים, ברוקלין
בייא מו"ה חיים שניידער

אזוי אויך רבי מנחם נחום (השני) ממאקארוב זצ"ל, האט געוואוינט פאר עטליכע יאהר אין זוועהיל. אז ער איז אהער געקומען האט ער זיך באזעצט אין טשעלסי, מאסאטשוסעס, וועלכע האט פארמאגט א באדייטנדע צאל זוועהיל'ער אידן.

**• צדיקים קומען אויף אמעריקא**

מען קען זען אז די חסיד'ישע רבי'ס האבן זיך טאקע צוריק געהאלטן פון קומען אויף אמעריקא דורכאויס די ערשטע פאגראמען פון תר"מ, און בשעת פון די ליטא זענען שוין געווען דאהי אומצאליגע רבנים, האט עס אבער געדויערט הערשט ביז נאך די צווייטע מאסע פון פאגראמען,

פון אוקטאבער תרס"ו אז די חסיד'ישע רבי'ס זאלן אנפאנגען צו קומען אויף אמעריקא.

לויט די אפיציעלע באריכטן איז דער ערשטער חסידי'שער רבי צו קומען אויף אמעריקא, געווען דער ליניץ-מאנוסטריטשער רבי. אן אייניקל בן אחר בן פונעם מחבר ספר "תשואות חן", פון די גרויסע תלמידי הבעש"ט, חוץ דעם איז ער געווען א קאריצער און א סלאוויטא אייניקל.

דער ליניצ'ער רבי, רבי אליהו יוסף ראבינאוויטש זצ"ל איז געווען אן איידעם ביי רבי משולם זושא טאלמאטשער זצ"ל, וועלכע איז געווען דעם הייליגן טשערקאסער'ס איידעם, און ארויסגעבער פונעם ספר "לקוטי תורה", פונעם טשערנאבילער מגיד.

די קינדער פון רבי משולם זושא, אריינגערעכנט רבי מרדכי דוב "דער הארנסטייפאלער" זצ"ל, זענען אויף געוואקסן ביי זייער זיידער דער הייליגער טשערקאסער, אין שטוב. וויבאלד די קינדער זענען פארבליבן יתומים פון זייער מוטער, און דער פאטער האט ווידער חתונה געהאט בזיווג שני.

דעפאר ווען דער ליניצער רבי זצ"ל האט חתונה געהאט, איז דער הייליגער טשערקאסער געווען דער וואס האט אים אונטערגעפירט די חופה. און ער איז געזעצן אויף קעסט ביי אים עטליכע יאהר.

זיצנדיג אויף קעסט אין טשערקאס, האט ער אינאיינעם געלערנט מיט זיין שוואגער רבי מרדכי דוב פון הארנסטייפאל זצ"ל, וועלכע איז חוץ זיין גרויס צדקות געווען גאר שטארק בארימט אלס א גאון עצום, די צוויי האבן געלערנט גאנצעטע טעג און נעכט.

שפעטער איז זי אוועק, און ער האט בזיווג שני חתונה געהאט מיט די טאכטער פון רבי יעקב יצחק פון מאקארוב זצ"ל.

ער האט זיך דאן באזעצט אין קעשינאוו, און ווען עס זענען פארגעקומען די פאגראמען, איז ער אנטלאפן אויף אמעריקא, אום יאהר תרס"ז וואו ער האט זיך באזעצט אין די איסט-סייד פון מאנהעטן.



דער ציון פונעם באפאלויער רבי

מיט דריי יאר דערויף האט ער זיך באזעצט אין באפאלא וואו ער האט פארמאגט חסידים.

ער איז נסתלק געווארן א יאהר דערויף אום י"ג חשון תרע"א, ומנו"כ בבאפאלא. זיין ציון איז היינט א צוציאונגס ארט פאר פילע אידן מתפלל צו זיין לדבר ישועה ורחמים.

באמת איז שוין דא געווען פון פריער דער יאמפאלער רבי, רבי אליעזר חיים ראבינאוויטש זצ"ל, אן אייניקל פונעם זלאטשוב'ער מגיד (זיידע פארן סקאליער רבי'ן ר' דוד יצחק אייזיק זצ"ל), וועלכע איז געקומען אהער אויף א צייטווייליגע באזוך שוין אזוי פרי ווי אין יאר תר"ן, און איז דערנאך אהיים געפארן.

ער האט באמת פארגעזאגט פאר זיינע חסידים ברוח הקודש, אז עס גייען זיין שרעקליכע צייטן אין אייראפע און דער וואס וועט פארן אויף אמעריקא וועט געראטעוועט ווערן.

בשעת דער ערשטער וועלט'ס קריג איז ער געווען אויפ'ן וועג צו פארן קיין ארץ ישראל, און ווען דער שיף איז פארביי געפארן טערקיי, האבן די טערקן פראבירט צו שעדיגן דער שיף, איז דער שיף געווען געצוואונגען זיך צו פארקירעווען אויף אמעריקא, ער איז שוין געבליבן דאהי און נסתלק געווארן ה' אייר תרע"ו.

אבער עס וואלט געווען אינטערעסאנט וואס עס

ווערט געברענגט אין ספר כל הכתוב לחיים, אז דער זמיגראדער רב האט אזוי דערציילט. אמאל איז הייליגער דברי חיים מצאנז זצ"ל געשטאנען פרייטאג-צו-נאכטס ביי קידוש, מיט די כוס אין דער האנט, און זיך פארטיפט אין זיינע מחשבות פאר א לענגערע צייט, און צוריק אראפ געלאזט דעם כוס, און געבליבן פארטון אין זיינע מחשבות. דערנאך האט ער הויעך אויסגערעכנט אלע גליות וואס די אידן האבן דורך געמאכט ביז דער גירוש פון שפאניע, און געגעבן א זאג: יעצט האט זיך געענדיגט די גלות יארן פון שפאניע און עס הייבט זיך אן גלות אמעריקא, און פון גלות אמעריקא וועט משיח קומען.

**יעצט האט זיך געענדיגט די גלות יארן פון שפאניע און עס הייבט זיך אן גלות אמעריקא, און פון גלות אמעריקא וועט משיח קומען**

האט דער זמיגראדער רב דערציילט. די מעשה איז פארגעסן געווארן צווישן די חסידים און מען האט קיינמאל מער נישט גערעדט דערפון. נאר ווען דער גארליצער רב איז עלטער געווארן, האט ער געשיקט א ספעציעלער שליח צו זיין ברודער קיין שינאווא, אים צו זאגן אזוי: "עס פארן קיין אמעריקא טויזנטער אידן, און ווערן דערווייטערט פון דער תורה הקדושה. דערפאר ליגט אויף אים א חוב אהין צו פארן בכדי אכטונג צו געבן אז די אידן זאלן זיך חלילה נישט אויסמישן מיט די גוים. דער אמת איז אז איך וואלט ווען געפארן, אבער איך האב מורא אז מ'וועט מיר חושד זיין אז איך פאר צו זאמלען געלט. אבער דיר שינאווער רב ווייסט דער וועלט אז דו ביזט אן איש אמת, און אז דו וועסט זאגן אז דיין פארן איז לשם שמים, וועט מען דיר גלייבן און דיינע ווערטער וועלן מאכן אויף זיי א רושם". אזוי אויך האט ער געשיקט דאס זעלבע שליחות צו זיין ברודער קיין קשאנוב. אבער דער שינאווער רב האט געענטפערט: "באמת ביזטו גערעכט, אבער איך בין שוין צי אלט צו פארן, און איך האב נישט קיין כח דערצו".

דער סטראפקאווער רב האט דערציילט, אז אמאל אין א ווינטער טאג, איז דער זיידע דער שינאווער רב געקומען אויף א באזוך צו זיין זוהן רבי אברהם שלום מסטראפקאוו, זיי האבן צווישן זיך קורצליך גערעדט און תיכף דערנאך איז דער שינאווער רב אפגעפארן אהיים. יאהרן שפעטער האט דער שינאווע רב דערציילט אז ער האט געזעהן אין חלום א רמז אז א גרויסע גזירה איז ערווארטעט אויף די אייראפעישע אידנטוהם, דערפאר האט ער געוואלט אז וויבאלד ער אליינס איז שוין אלט זאל כאטש זיין זוהן רבי אברהם שלום, פארן אויף אמעריקא זיך דארט צו באזעצן, האט איהם דער סטראפקאווער רב געענטפערט, "איך וויל נישט זיין דער ערשטער קיין אמעריקא, ווייל ביי א בריק די ערשטע ארבייטער ווערן דערטראנקען".

**• טאלנער רבי קומט אויף אמעריקא**

דורכאויס די נאכפאלגנדיגע יארן האבן זיך באזעצט דאהי אין א שיעור רבי'ס פון חסיד'ישע דינאסטיעס. די חסידים דאהי האבן פארארבעט מעשים זיי אהער צו ברענגען לפליטת עולמים.

פון די ערשטע רבי'ס בפרט פון דער טשערנאבילער גזע זענען געווען די טאלנע'ר ברודער, אום תרע"ג איז אהער געקומען רבי דוד מרדכי זצ"ל וועלכע האט זיך באזעצט אין ניו יארק.

ער איז געווען א קרבן צו אומצאליגע רדיפות ווי מיר לייענען אין דער צייטונג ביי זיין אנקומען (אוגוסט 28, 1913):

*"דער טאלנער צדיק קומט אהער אלס רעזולטאט*

*פון פילע מאטערנישן ביי זיך אינדערהיים. ווייל זייענדיג א שטארקער מאן איז ער אריינגערוקט געווארן דורך די רוסישע אוטאריטעטן צו דינען אין די ארמיי, אבער נאך וואס עס זענען געקומען פארלאנגען פון די ברייטע מאסן חסידים און שטאטסלייט איז ער דערפון באפרייט געווארן.*

*"שפעטער האט א גנב אריינגעבראכן ביים רבי'ן אין דער טאלנער שוהל און ארויס גע'גנב'עט פון דארט צוויי ספרי תורות וועלכע האבן נאך באלאנגט פארן אלטן רבי'ן (דער רבי ר' דוד'ל). רבי דוד מרדכי כאטש וואס ער האט זיך ארויס געדרייעט פון דינען אין די רוסישע ארמיי איז ער באקאנט געווארן אלס "דער מיליטאנטישער רבי", ער מיט צוויי פון זיינע ברודער האבן זיך אינאיינעם אריינגעבראכן ביי דעם גנב אין שטוב און צוריק גענומען די ספרי תורות.*

*"דער גנב האט גערופן די אוטאריטעטן וועלכע האבן אלע דריי ברודער ארעסטירט אויף קלאגעס פון גניבה, אויך איצט האט דאס ערוועקט א ברייטע וויי געשריי קעגן דאס אנקלאגן דעם רבי'ן מיט די ברידער, די אוטאריטעטן האבן נאכגעגעבן דעם פארלאנג און באפרייט די ברידער.*

*"נאך דעם האט ער זיך בארעכנט זיך באזעצן אין אמעריקא, ער איז דערווייל געקומען אליינס, און וועט הערשט שפעטער נאכשיקן נאך זיין ווייב און פיר פון זיינע קינדער".*

(די רעבעצין מיט די קינדער זענען אין יענע תקופה געגאנגען וואוינען צו איר פאטער קיין ראשקוב, און דער טאלנער רבי זצ"ל פון ירושלים פלעגט אלע יארן רעדן מיט גרויס בענקעניש פון זיין תקופה אין ראשקוב).

ווייטער מעלדט דער צייטונג:

*"דער "טאלנער צדיק" איז ווינציגער ווי דרייסיג יאר אלט, פאר זעקס יאר צוריק האט ער פארנומען זיין פאטער'ס פאסטן, וועלכע איז געווען א בארימטער רבי אין רוסלאנד, באקאנט אלס "דער טאלנער צדיק", זיין פרוי איז א טאכטער פונעם בארימטער רבי זלמינא פון ראשקאף.*

*"רבי מרדכי זעלבסט איז א פירער פון חסידים, א גאר פרומע סעקטע אינערהאלב די ארטאדאקסישער אידנטום."*

דער טאלנער רבי איז אנטפאנגען געווארן מיט גרויס כבוד און פרייד:

*"רבי מרדכי איז אנגעקומען אהער מיטן וועדערלאנד סטימשיף אום דינסטאג, איבערלאזנדיג אונטער זיך א גרויסע רבי'סטעווע אין זיין היימשטאט.ביים שיפס פארט איז ער אויפגענומען געווארן דאהי דורך א דעלעגאציע פון שטאטסמענער און פון אנדער אידישע ארגענעזאציעס ווי דער "היברו שעלטערינג" (אן ארגענעזאציע וועלכע האט זיך אפגעגעבן מיט קווארטירן די אידישע אימיגראנטן), און דער "היברו אימיגראנט עיד סאסייעטי" (אן אקטיווע ארגענעזאציע וועלכע איז נאך ביז היינט אין דינסט צו העלפן אימיגרירונג פאר אידן פון פארפייניגטע לענדער, אויך באקאנט אלס "הייעס").*

*"ווען ער האט אהער דערגרייכט אום דינסטאג איז ער געווען אין באגלייטונג פון זיין גבאי, אזא סארט בייהעלפער אדער סעקרעטאר, וועלכע טוט, לויט די מנהגים פון חסידים, שטענדיג באגלייטן דעם רבי'ן און ערלעדיגט אלעס וואס האט צוטון מיט די חסידים".*

ער האט שוין דא געפונען א באדייטנדע צאל חסידים, און מיט זיין אנקומען האבן חסידים געהאט דער געלעגענהייט צו פארמירן א טאלנער קלויז וועלכע איז גערופן געווארן "קהל חסידים":

*"אידן דאהי אין ניו יארק וועלכע זענען אין דער פארגאנגענהייט געווען רעזידענטן אין טאלנע א שטעטל אין די געגנט פון קיעוו, רוסלאנד, זענען געווען זייער פארנומען דעם נעכטיגן טאג צו דיסקוסירן פלענער פון פארמירן א שול און אנדערע קהל'ישע געברויכן פאר די אידן פון טאלנע, פאר זייער רבי'ן, רבי דוד מרדכי, ברייט בארימט מיט זיינע פרומקייטן און רבי'שע עהרע דורכאויס מערב רוסלאנד אלס "דער טאלנער צדיק" וואס באדייט אלס "דער ערליכער מאן פון טאלנא".*

אין די אידישע רעקארדס פון יאר תרע"ח ווערט

באריכטעט אז דאס ביהמ"ד "קהל חסידים" האט דאן פארמאגט א מעמבערשיפ פון 800!

דער קאפיטשניצער רבי זצ"ל האט דערציילט, וויאזוי עס האט אויסגעזען א מעמד 'צאתכם לשלום' פאר רבי דוד מרדכי זצ"ל ווען ער פלעגט ארויס פארן איבער די שטאטן צו באזוכן זיינע חסידים. דאן פלעגן זיך פארזאמלען פילע חסידים פארנט פונעם רבי'נס הויז אויף אטוירני סטריט, און רבי דוד מרדכי איז ארויס געקומען אויפן גאניק, און פון דארט זיי - אין אן "אינטערעסאנטער" אופן - אפגעזעגנט.

דער טאלנער רבי'נס זון רבי יוחנן זצ"ל וועלכע איז נאך דאן געווען א יונג קינד, איז נישט מיטגעווען ווי דערמאנט, נאר געווען דערוויל ביי זיין זיידע אין ראשקוב, אבער עווענטואל האט רבי דוד מרדכי אויך ארויסגעברענגט די רעשט פון די משפחה.

רבי יוחנן וועלכע איז שפעטער אויסגעוואקסן אלס דער באקאנטער "טאלנער רבי פון ירושלים", האט זיך כל ימיו מתרעם געווען אויף זיינע יונגע יארן, ווען ער האט געוואוינט אין אמעריקא, ער האט נישט געקענט פארטראגן די זוהמא.

עד כדי כך אז ער פלעגט אפרעכטן פארשידענע תשובות דערוועגן, ווען ער האט נאר מפשפש במעשיו געווען פלעגט ער שטענדיג רעדן פון דעם בלויז'ן חטא אז ער האט געוואוינט אין אמעריקא.

און דאס איז נישט געווען בלויז אין די עלטערע יארן, שוין אזוי יונג ווי ביי זיין בר מצוה האט ער שוין נישט געקענט משלים זיין מיט די ביטערע מציאות וועלכע האט געהערשט אין אמעריקא אז ער האט זיך ארויס געשטעלט רעדן דערוועגן ברבים.

ווי מען דערציילט אז אין יענע יארן, איז געווען איינגעפירט אין אמעריקא, אז אויסער וואס מען האט צוגעגרייט דעם בחור'ל מיט א תורה'דיגן פשעטיל, האט מען אים אויך צוגעגרייט מיט עטליכע ווערטער אין וואס דער בחור'ל זאל איבער געבן דברי שבח און ברכה פאר די משפחה און פאר די פארזאמלטע.

אבער ווען רבי יוחנן האט זיך אויף געשטעלט צו זאגן דער צווייטער חלק, האט ער אנשטאט זאגן דאס וואס מען האט אים אנגעגרייט, אויסגעפלאצט אין א יאמערליכע געוויין. עס איז פארשטייט זיך געווען א גרויסער עולם פארזאמעלטע, וועלכע זענען געקומען לכבוד דעם טאלנער רב'ין.

ער האט גערעדט איבער זיין זארג אז דער הייליגער קייט וועט זיך אזוי ווייטער נישט קענען ציען, און ער האט געטענה'ט מיט די פארזאמעלטע, "איר זענט דא זיך צונויף געקומען אין גרויסן אפצוגעבן די פאסיגע כבוד פאר מיין פאטער, און אים אנוואונטשן אז איך זאל קענען גיין אין די וועגן פון מיינע זיידעס. וויאזוי קען אזעלכע ברכות מקויים ווערן דאהי אין אמעריקא? עס איז דאך א פוסטע ארט פון תורה און אידישקייט".

מיט א בעטנדיגער געוויין האט ער אויסגעפירט צו זיינע עלטערן אז זיי זאלן אים ערלויבן ארויף צו פארן קיין ארץ ישראל וואו ער וועט קענען באקומען אן ערליכע אידישע חינוך.

די ווערטער זענען אויף געגומען געווארן מיט גרויס באגייסטערונג און די פארזאמעלטע האבן אים צוגעווארפן פילע מתנות.

אבער דער פאטער דער טאלנער רבי, האט נישט געקענט שלום מאכן מיטן מצב, טענה'נדיג דערביי אז ס'איז אים אוממעגליך, אוועק צו לאזן זיין איינציגסטע זוהן, אויף אזא ווייטע וועג פאר אזא לאנגע צייט. אבער ער האט זיך נישט געלאזט, און געפרעגט דעם פאטער: "און אז כ'וועל דיר מבטיח זיין נאך א זוהן וועסטו מיר יא לאזן גיין?" ווי ס'פארשטייט זיך האט דער פאטער נישט געלייגט קיין גרויס געוויכט אויף די ערנסטקייט פון די ווערטער, האט ער אים געענטפערט אז ער איז מסכים.

צום יאהר איז געבוירן געווארן נאך א זון בייים טאלנער רבי'ן און ווי פארשטענדליך האט ער נישט געהאט קיין ברירה און אוועק געלאזט זיין זוהן אויף ארץ ישראל, ווי ער איז טאקע אויסגעשטיגן "דער טאלנער רבי".

**• דער טשערנאבילער רבי**

איינער פון די צדיקים לבית טשערנאביל וועלכע האבן אהער געפליכטעט איז געווען רבי שלמה בנציון זצ"ל, דער זון פון רבי ישעי' משולם זושא מטשערנאביל זצ"ל, וועלכע האט ממלא געווען זיין פאטער'ס ארט באדמורו"ת אין טשערנאביל.

דורכאויס די ביטערע רדיפות אין רוסלאנד, האט ער אויך אימיגרירט אויף אמעריקא, עס זענען שוין דאן געווען דאהי פילע טשערנאבילער חסידים, וועלכע האבן אים ענטפאנגען מיט אפענע ארעמ'ס.

אבער נישט צו לאנג האט ער דאס געקענט אויסהאלטן, דער מצב אין אידישקייט איז געווען אין גאר א שוואכע מצב. דער שבת איז געווען מחולל, און דער מצב הכשרות איז געווען איום ונורא.

דער גרויסער צדיק האט דאס נישט געקענט איבער טראגן, און געוואלט פאר יעדן פרייז זיך ארויסזען פון אמעריקא, און אפילו צוריק פארן אויף טשערנאביל.

ווי פארשטענדליך האבן דאס די חסידים בשום אופן נישט געוואלט צו לאזן, עס איז געווען א גליק אז מ'האט דעם רבי'ן אריבער געברענגט, און אפגעראטעוועט פון די שרעקליכע אומשטענדן אינדערהיים. עס איז געבליבן א בריוו ווי איינער פון זיינע חסידים פון זוועהיל אין אוקריינא, שרייבט איבער דער מצב אין רוסלאנד וואו ס'איז ביטער און געפערליך.

דער בריוו (פון די משכנות יעקב ארכיוון) איז דאטירט כ"ה חשון תרפ"ח: **"כבוד אדמו"ר וידידי הר"ר ר' שלמה בן ציון טווערסקי יחי'!**

**פון דער ערשטער מינוט פון אייער אפ פארין מארצינו וממולדתינו שרייבט איהר אין יעדער מכתב לידידנו הישיש ה"ר ישעי' אשר אז איהר ווילט קומען און איהר וועט קומען, ואני מצדי לא הרהבתי עוז בנפשי איך זאל אייך שרייבען בזה הענין דעתי ועצתי, והאמת! אז מיט 2 יאהר ציריק איז כמעט יעדער איינציגער מאחינו בני ישראל ישבו על כנם און מעהאט נאך גיהאט כח גיין אנקיגען שטראם! נוכח המים הזדונים שרצונם להטביע השארית הפליטה בכל רגע, אבל בעת הזאת שנת תרפ"ח, הה ידידי אוי ואבוי לנו. בא דיא מענטשין בא דעם סארט מאחינו בני ישראל וואס מע ריפט זייא בא אונז סוחרים מוכרים בעלי חנות** (בא אייך רופט מען דאס ביזנעס לייט) **האט מע אין דיא 2 יאר אפ גישניטען דאס גאנצע חיות. מיר זאנין יעצט כחפצי הפקר שאין להם בעלים! קיין שום רחמנות איז ניטא אויף אונז. דער רוב יודען פון דעם קלאס גוועים ברעב.**


דער טאלנער רבי פון ירושלים

**ידידי מו"ר עס קען גיוויס זיין אז איך האב קיין רעכט אייך ניט שרייבען המכתב הזה כי הוא נגד רצונכם. נאר לייענענדיג המכתבים שקבל ה"ר ישעי' אשר וגם 1 דאלער ששלחתם, האב איך ניט גיהאט קיין כח המעצר און האב גימיזט שרייבען.**

**איר שרייבט בהמכתב מיר זאלען מתפלל זיין אין אייך ארויס שלעפין ממצרים, און מיר שרייען ביום ובלילה רבש"ע הצילנו נא מיד אחי ער איז ערגער ווי מיד עשיו בעוד שנפשינו בנו. מיר בייטין באם בורא עולם תן לי נפש וויל והרכוש קח לך איז שוין לאנג ניטא. מיר האבען שוין ניט מיט וואס צאלין דעם וויסטיגן מכס. עס איז שוין והבית רק. בא דעם רוב יודען האט מען שוין צו גינימען דיא כלי הבית, והכלבים צועקים הב! הב! האט מען זיך שוין גינימען צום נפש. כמה אלפים מאתנו יושבים במאסר בחנם בלא דבר.**

**הה! הבט משמים וראה! עס איז דא אסארט יודען וואס זיי לעבט זיך ניט שלעכט, היינו וואס שטייען ביי דעם ראד בא דעם גלגל החוזר. נאר ידידי מו"ר! קען מען זיי רופען יודען? קענין מיר זיך**

גלאכען צו זייא? וואס זייא האבן שוין פון זיך אראפ געווארפען דעם עול מלכות שמים און שרייען מי ד' אשר אשמע בקולו?

איך בייט אייך שרייבט אונז בפרוטרוט מיט וועלכען איז אייך אזוי שלעכט, מה הרעה אשר מצאתם בארצות הברית, וואס עס ווייזט זיך אויס אז איהר ווילט פארין מעבדות לחרות. יסלח נא כ"ב! איהר ידידי אדמו"ר לעבט בטעות! אדוני מורי! איך ווייס דאך דעם אמת וויפיל צרות איר האט אז א יוד קומט און דערציילט זיין מעמד! שוויר איך אייך אז איר וואלט בעת הזה ניט גיקענט סובל זיי דיא צרות פון אנשי שלומכם. עס איז אזא מאדנע תוכחה וואס לא היו מעולם מיום הוסדה ועד עתה.

**איך בייט אייך מיר ענטפערין על המכתב הזה.**

מכבדכם כערככם ממני ידידכם וואס איהר האט אמאהל מתאונן גיוועזן אויף מיר, וואס איך האב ניט גיוועזט איהר זאלט פארין, ווייל איך בין גיוועזן אין אמעריקע כשבע שנים.

**ופ"ש ה"ר אייזיל נ"י".**

עס האט גארנישט געהאלפן און דער טשערנאבילער רבי האט זיך אום געקערט אהיים. מען קען זיך פארשטעלן, אז קיין גן עדן האט אים נישט ערווארטעט אונטער די קאמוניסטן. ווייזט אבער אויס אז בייצו-וואוינען אזא מצב אין אידישקייט ווי ס'איז דאן דאהי געווען איז געווען פיל ערגער פאר'ן גרויסער צדיק.

און דער טשערנאבילער רבי, איז נישט געווען דער איינציגסטער וועלכע האט נישט געקענט




אויסהאלטן דער מצב. למשל דער ליניצער רבי וועמען מיר האבן פריער דערמאנט. איז ליידער נסתלק געווארן נאך וואס ער האט נישט געקענט דערהייבן א מכשול וועלכע האט פאסירט מיט די מילך אין באפאלא, זיך אפרעדנדיג אז ער זעהט נישט קיין עתיד פאר דער שטאט.

אויך איז דאהי געווען אויף א שטיק צייט, א סאדיגערער רבי, רבי יצחק מרימינוב זצ"ל, וועלכע איז ליידער אוועק נאכ'ן האבן שטארקע הארץ עסענישן, איבער דער מצב אין אידישקייט, דער סאדיגערער רבי האט זיך געפירט דא מיט אלע גינוני מלכות, ער האט געהיטן אויף דאס וואס דער טשארטקאווער רבי האט אים באפוילן איידער ער איז אוועק געפארן פון וויען, אז ער זאל היטן אויף דער כבוד פון די משפחת המלוכה לבית רוזשין.

**• א געלעגנהייט צו מאכן געלט**

ווי ס'ווייזט זיך אויס האבן די אידן אין אמעריקא געהאט גאר א שטארקער געפיל צו די רבי'ס מגזע טשערנאביל, און מסתמא האבן זיי זיך געלאזט קאסטן פאר זיי גרויסע געלטער. איז אינטערעסאנט איבער א איד וועלכע איז געקומען אויף אמעריקא, און מסתמא לצורך פרנסה האט ער זיך געטוישט דער נאמען אויף טווערסקי, זיך געשאפן א יחוס, און זיך פארקויפט פאר די אידן דאהי, און אפילו פאר די טשערנאבילער אייניקלעך אז ער איז פון זייער משפחה, אויף אזוי ווייט אז דאהי האט שוין געוואוינט רבי שלום יוסף מטוריסק, און דער איד איז ביי איהם איינגעשטאנען אלס קרוב, און אזוי אויך האט ער באקומען אן הסכמה אויף זיין ספר פונעם

מאנוסטריטשער רבי, וועלכע האט געשריבן אויף איהם "שאר בשרי".

דאס אלעס האט אמאל געקענט פאסירן צוליב די קאמיוניקאציע וועלכע איז געווען שטארק איינגעצוימט. עס איז באקאנט די מעשה מיטן טוריסקער מגיד, איבער איינער וועלכע איז געפארן איבער די שטעט זיך אנגעבענדיג אלס דער טוריסקער מגיד, און געגעבן ברכות פאר אלעמען. ווען דער מגיד האט זיך דערפון דערוואוסט האט ער מתפלל געווען צו אייבירשטען אז אלע ברכות זאלן מקוים ווערן כדי עס זאל נישט ארויס קומען דערפון קיין חילול ה'.


לעטיטשוב (פ. פאר.), 10 מארץ. — זה כירח ימים באה פקודה משר הפלך כי כל צעירי ב"י מתושבי עירנו שבאו לגורל עבודת הצבא בשנה הזאת וקבלו תעודות ארומות או ירוקות, עליהם לבוא לעיר הפלך קאמינעץ להבחן עוד הפעם ולדעת אם ראוים המה באמת לתעודות שקבלו. בשבוע העבר שולחו הצעירים מפה לקאמינעץ בלוית אנשי צבא, ועתה באה ידיעה מהם להוריהם כי כלם יצאו נקיים והעודותיהם כשרות ונאמנות.

בשבוע העבר בא הנה איש לבוש בחלוקא דרבנן ויכנה א"ע בשם נכד ר' נחום'טשע מטשערנאביל, ויסבב על פתחי נדיבים עם אחד הגבאים ויאסף נדבות הגונות. ויודע הדבר להרב ר' ישראל ויכנס עמו בדברים וירא ויתבונן כי נוכל ופוחז הוא, ויודיע זאת לעושי רצונו ויסובו את הנוכל ויכוהו מכות נאמנות ויקחו ממנו סך חמשה ועשרים רו"כ אשר היו בכיסו ויעזבוהו לנפשו.

מענדיל קעסיל.

ר' ישראל שווארץ, איז געבוירן געווארן אין טשערנאביל, און לויט מאנכע איז זיין פאטער געווען פון די משמשים בקודש אין דער טשערנאבילער הויף. ער איז געקומען אויף אמעריקא און זיך נאך אנגעגעבן אויף די פאפירן אלס ישראל שווארץ אבער גאנץ שנעל האט ער געטוישט זיין נאמען אויף טווערסקי, און אויף זיין בירגערשאפט איז שוין דער נאמען געטוישט, און געווארן דער טשערנאבילער רבי.

אין זיין ספר און אזוי אויך אויף זיין מציבה ווערט אויסגערעכנט זיין יחוס, אלס אייניקל פון רבי יהודא לייב מאניפאלי בעל אור הגנוז, מהר"ן מטשערנאביל, הר"ר אלימלך מליזענסק, המגיד מקאזניץ, אוהב ישראל מאפטא, ר' גדלי' ליניצער, און שפעטער שרייבט ער אויפן בעש"ט הק' אדוני אבי זקני. מען באדארף נישט זיין קיין גרויסער קענער, אבער איינע וועלכע האט א געניט אויג באמערקט גלייך דאס פאלשקייט.

בקיצור, אז דער טשערנאבילער רבי, רבי שלמה שמואל איז שפעטער געקומען אויף אמעריקא, האט ער זיך מער נישט גערופען "טשערנאבילער רבי" נאר "קאזניצער רבי", שפעטער איז אויך דער קאזניצער רבי, רבי ישראל אלעזר האפשטיין געקומען צו פארן, האט ער דאס אויך עלימינירט.


ברוך הבא בואכם לשלום!

זאגען די סלאוויטשער לאנדסלייט דעם בעוואוסטען

אוצר התורה והמדרש גאון און חריף

הה"צ ר' ישראל טווערסקי שליט"א

פון פרעשבורג.

וועלכער איז 8 טאג פאר פסח אנגעקומען און געפינט זיך יעצט אין זיין וואהנונג, 430 סאראטאגא עווענו, בראנזוויל.

דורך זיין אופהאלטען זיך די גאנצע צייט אין ניו יארק ביי זיין קרוב הה"צ מטריסק שליט"א, איז ער געווען בעקאנט געווארן מיט זיין למדות גאונות אין נגלה און ווי אויך אין חסידות.

לאנדסלייט, ראשאשער סלאוויטשער, סעלישטשער, קומט מקבל פנים זיין דעם חשוב'ן גאסט.

די קאמיטע

יהושע רייז, יעקב ראזענבערג, דייוו ווייגער, אהרן האמערמאן

**• חסיד'ישע גדולים אין אמעריקא**

איינער פון די ערשטע רבנים אין ניו יארק איז געווען רב אברהם יוסף אש. הרב אש איז געווען א חסיד'ישער איד, כאטש ס'איז נישט קלאר וואו ער האט באלאנגט, איז אבער קלאר אז ער איז געווען אדער א קאצקער, אדער א קוידינאווער חסיד. הרב אש, איז געווען דער מייסד פונעם בית המדרש הגדול דניו יארק שוין אין תרי"ב. דאס איז דער זעלבער ביהמ"ד וואו דער רב הכולל האט שפעטער געדאווענט.

נאך איינער פון די גדולים דאהי איז געווען הרב אברהם אליעזר אלפערשטיין, וועלכע איז נאך געפארן צו רבי משה קאברינ'ער זצ"ל, און אויך געווען א קוידינאווער חסיד. עס איז אינטערעסאנט טאקע צו באמערקן, אז פון די "ליטווישע חסידים", ווי קוידנאוו, לעכאוויטש, קאברין אד"ג זענען געווען די ערשטע חסידים זיך צו באזעצן אין אמעריקא.

הרב אלפערשטיין איז געווען קודם אין שיקאגא,



הרב אלפערשטיין

וואו ער האט דארט משמש געווען ברבנות, שפעטער איז ער געקומען אויף ניו יארק וואו ער האט משמש געווען אין דער משכן ישראל שול. צו זיינע דרשות זענען געקומען אלע חסידים. ער איז געווען פון די גרינדער פון דער אגודת הרבנים, און פון די ערשטע ראשי ישיבות אין ישיבת רבינו יצחק אלחנן. ער האט ארויס געגעבן עטליכע גאר גאונ'ישע ספרים. און איז נסתלק געווארן, ה' שבט תרע"ג.

אויך איז דא געווען א גאר גרויסער גאון און חסידישער איד, רבי חיים יעקב ווידרעוויץ. הרב ווידרעוויץ, איז געווען דער וואס האט געשריבן די תשובות פונעם צמח צדק מליובאוויטש. ער איז אהער געקומען בשנת תרנ"ב פון מאסקווא ווי ער האט געדינט אלס רב ביי די ליובאוויטשער חסידים פאר 16 יאהר (ווי דערמאנט האט מען אום תרנ"א אלע אידן פון דארטן פארטריבן), און בעפאר דעם האט ער משמש געווען ברבנות אין טשערניקא, מאהלוב'ער גובערניע, און אין קופישאק, וויטעבסק'ער גובערניא. דא איז ער געווען דער מנהיג פון דער ליובאוויטשער און ניעזשינער ביהמ"ד אין דער איסט סייד, און אויך פון די גרעסטע רבנים אין נוא יארק. ער איז נסתלק געווארן י"ב אייר תרע"א. אלע וואס רעדן וועגן איהם רעדן איבער זיין געוואלדיגע חכמה און גרויסקייט.

עס איז געווען אזא "מנהג אמעריקא" אז יעדער רב, רבי אדער סיי וועלכער פערזענליכקייט האט ארויס געהאנגען א שילד ביים טיר, ווי עס איז געשטאנען דער נאמען מיט די פראפעסיע, ביי הרב ווידרעוויץ איז געשטאנען אויף געשריבן אויפן שילד "רב הכולל דאמעריקא", איז באקאנט אז מען האט איהם געפרעגט, ווער האט אייך אויף גענומען אלס רב הכולל דאמעריקא? האט ער געענטפערט אז דער פעינטער...

אין מארגען זשורנאל צו זיין פטירה איז געשטאנען ווי פאלגענד: *ער איז געווען איינער פון דיא גרעסטע גאונים פון אונזער צייט, מיט אכט טאג צוריק איז ער קראנק געווארען, ער איז דיא גאנצע צייט געלעגען אויפ'ן בעט מיט ספרים אין דיא הענד און האט ניט אויפגעהערט צו לערנען, אויסער זיין בקיאות, חריפות*




א שילד ביים טיר פונעם מיראפאליר רבי "וואהנונג פון דעם באוואוסטען הייליגען צדיק הרב שמואל קופמאן דער מיראפאליר רבי בן הצדקי ר' דוד'ל מיראפאליר ז"ל ונכד הצדיק הקדוש ר' שמואל קאמינקער ז"ל זי"ע"



א בריוו וואס הרב ווידרעוויץ האט ערהאלטן פונעם ליובאוויטשער רבי מהר"ש איבער געוואוסע כתבים וואס ער האט איהם געשיקט.

*און גאונות אין לערנען, איז דער פערשטארבענער גדול געווען א גרויסער חכם אין וועלטליכע זאכען. גרויסע ביזנעסלייט פלעגן קומען צו אים עצות פרעגען ארער סעטלען פערשידענע סכסוכים אין ביזנעס אנגעלעגנהייטען.*

נאך א גאר בארימטער רב איז געווען רבי זכריה יוסף ראזענפעלד וועלכע איז געווען דער רב הכולל אין איינע פון די דאן אידישע שטאטן אין אמעריקא, סט. לואיס, מיזורי. ר' זכרי' יוסף איז שוין ביי די איין און צוואנציג יאהר אויף געגומען געווארן אויף זיין פאטער רבי משה גבריאל'ס ארט משמש צו זיין ברבנות אין דער שטאט טוריסק, ביים מגיד. שפעטער איז ער אהער געקומען ווי ער האט איבערגענומען דאס דארטיגע רבנות אויפן ארט פונעם גרויסער גאון רבי שלום אלחנן יפה.

ער איז געווען גאר בארימט ספעציעל צוליב די עטליכע פון זיינע פסקים וועלכע האבן בשעתו ארויסגערופען א גרויסער שטורעם צווישן די רבנים (א באזונדערע קאפיטל היסטאריע צו וואס מיר וועלן זיך בע"ה צוריקקערן). וועגן זיין בארימטקייט קען מען זעהן פון דער צייטונג ביי זיין פטירה אום תרע"ה וועלכע באשרייבט די לוי', ס'האבן זיך אין איר באטייליגט פופצן טויזנט יידן, דורכאויס קריסטן, זענען געשטאנען מיט גלעזער און קריגלעך וואסער און געהאלפן די צענדליקער דאקטוירים אין זייער שווערער ארבעט צו ראטעווען די מענטשן וואס זענען געפאלן אין חלשות צוליב דער ענגשאפט און שטיקעניש. אויך וואלט געווען אינטערעסאנט צו צו געבן דאס וואס כ'האב געפונען געשריבן אין א בוך, אז זיין ציון איז געווען א פאראהייליגט ארט ווי די אידן פון סט. לואיס זענען ווען אימער עס געקומען פוקד זיין און מתפלל זיין לדבר ישועה ורחמים.

עס זענען געבליבן פון איהם צוויי ספרים וועלכע זענען געדרוקט געווארן "יוסף תקוה" און "זכרון זכריה", חוץ די פילע כתבי ידות וועלכע זענען נישט געדרוקט געווארן. און אויף זיין נאמען איז געגרינדעט געווארן א ישיבה "ישיבת ר' זכרי' יוסף".




רבי זכרי' יוסף אין סט. לואיס

### • איסט סייד איינגענומען דורך די רבי'ס מיט די חסידים

כדי צו האבן א שטיקל באגריף וויאזוי עס האט אויסגעזען א פראווענען און א טיש אין די רבי'שע הויפן אין אמעריקא, איז אינטערעסאנט אראפ צו ברענגען א באשרייבונג פון איינער פון דעם ראדאוויצער רבי'נס אנהענגער, וועלכע האבן דאס געשריבן בעת זיין פטירה.

הרב ר' ישראל האגער, דער ראדאוויצער רבי, שרייבט צום „דגל הרבנים" וועגען א „רב" אין די בראנקס, וועגען וועמען מען האט איהם דערצעהלט אז ער געהט ארום בגלוי ראש אין גאס און ער גיט ארויס סיינס אין די בוטשער שעפער, און אין מאנכע פון זיי וואו עס הענגט זיינע סיינס אז דארט איז כשר למהדרין, ווערט דארט פאר־קויפט טרפות למהדרין בטרפות. און דער ראדאוויטצער רבי בעט דעם „דגל הרבנים" צו מאכען א שטרענגע אונ־טערזוכונג. די קאמיטע פון רבנים נעהמט גלייך אויף זיך די ארביים צו מאכען א שטרענגע אונטערזוכונג וועגען אזא שרעקליכע אנגעלעגענהייט.

דער ראדאוויצער רבי זצ"ל איז געווען דער צווייטער חסיד'ישער רבי צו קומען אויף אמעריקא בשנת תרע"ב און נסתלק געווארן בשנת תש"ב. ער איז געווען א זון פון רבי אלתר יוסף פון ראדאוויץ זצ"ל, וועלכער איז געווען א זון פונעם תורת חיים מקאסוב זצ"ל.

"ביים ראדאוויצער'ס "טיש" אויף דער וועסט סייד.

"ווען די ערשטע חסיד'ישע רבי'ס זענען אנגעקומען אהער, האבען זיי זיך בעזעצט אויף דער איסט סייד, אין די נאך "נישט-אויסגעפארשטע טיפעניש" פון דער פרום-אידישער איסט סייד, זענען זיי זיכער געווען צו געפינען אן אנהענגערשאפט און א קוואל פאר זייער עקזיסטענץ.

"און זיי האבען זיך נישט אפגענארט אין חשבון, עס האבען אנגעהויבן קומען צו זיי אידען און ווייבער פון אלע זייטען. אז מען קומט צום רבי'ן קומט מען נישט מיט ליידיגע הענד, מען ברענגט א "פדיון", אמאל קלענער און אמאל גרעסער.

"אין די אלטע היימען פלעגט די צאהל אכצעהן, ח"י, שטענדיג זיין די סומע פאר'ן "פדיון" ביים רבי'ן, דער ארימסטער האט געגעבן אכצעהן פייעם, אכצעהן גולדען איז שוין געווען א העכערער סארט פדיון, מען האט געגעבען אכצעהן רובעל, צוויי מאל אכצעהן, דריי מאל אכצעהן און אמאל אכצעהן מאל אכצעהן, די גבירים וואס פלעגען נעמען דעם רבי פאר א שותף פון די עסקים, האבען שוין נישט געצאהלט לויט דעם חשבון אכצעהן, נאר א פראצענט פון זייערע פערדינסטען.

"דא ווערט שוין די צאהל אכצעהן זעהר זעלטען גענוצט צו פדיונות געבען, דער קלענסטער "פדיון" איז א דאלאר, און אזוי געהט עס העכער און העכער.

"א דרייעריל, א פינפעריל, א צעהנעריל, א פינף און צוואנציגער, און מעהר אויך, דער היגער איד איז נישט געוועהנט צו געבן די צאהל אכצעהן, האלט ער ביי גיבן אכצעהן, גיט ער שוין א פינף און צוואנציגער.

"דער געוועהנליכער איד אדער אידענע וואס קומען צום רבי'ן מיט א "קוויטעל", גיבען נישט א גרויסען "פדיון", זיי האבען דאס נישט, די מעהרהייט קומט מיט א דאלאר, א צוויי דאלאר און א דרייעריל איז דאס העכסטע וואס זיי קענען געבען.

"די וואס קענען שוין געבען מעהר און גיבען, קומען שוין נישט מיט א "קוויטעל", זיי זענען שוין די רייכערע, די "אריסטאקראטען", און וואס דארפען זיי "קוויטלעך"?

"צו האבען די פערגעניגען פון זיין א חסיד, קומען צו א רבי, ווערען פערדעכענט פאר א "מקורב", הערען א חסידיש ווארט, א מעשה פון "איהם זצ"ל" איז פאר אזא סארט אידען ווערטה אפילו א הונדערטער.

"יעדער מיט זיין שטייגער פערגעניגען, און יעדער איינער אפילו מתנגד, וועט מודה זיין אז דער פערגעניגען פון זיי א "חסיד", פערברענגען אין א חסיד'ישער סביבה איז א שעהנער א העכערער.

"פונדעסטוועגען איז דער יסוד ביי דעם גוטען אידען, דוקא דער ארימערער עולם, ווייל דער ארימערער קומט גיכער און אפטער צום רבי'ן, ער קומט אלעמאל, צום דאווען, צום "טיש", זיי זענען חסידים וואס מאכען דעם רבי'ן.

"אויך אנדערע געגענטער מאכען שוין ארט פאר די "גוטע אידען", שפעטער איז שוין איינער אוועק נאך בראנזוויל, און אנדערער - אין בראנקס. דא שוין אויך אין ברוקלין און איצט האט שוין די וועסט סייד אויך א רבי'ן.

"די גרויסע צאהל וואס קומט אן לעצטענס בלייבט נאך אלס אויף דער איסט סייד, אבער עס ווערען שוין

איינגענומען די אנדערע געגענדען פון שטאדט, עס וועט מסתמא נישט דויערן לאנג און עס וועט זיין א "גוטער איד" אין יעדער געגענט פון גרויס ניו יארק.

"און אזוי איז דאס אין גרויס ניו יארק, אידען האבן "איינגענומען" גאנצע געגענדען, אויפגעבויט גאנצע געגענדען, און איצט קומען חסיד'ישע רבי'ס און זענען "כובש" גאנצע געגענדען.

"דער ראדאוויצער "פערנעמט" דער ערשטער די וועסט סייד, זיבעטע עוועניו פון סענטראל פארק און העכער קומט אריין אין "ראדאוויצער'ס שטח".

"די זיבעטע עוועניו פון סוחרים און אינדיפענדענטע אידן גבירים און מיטעל קלאסיגע, וואס נישט זיי זענען אסימיליארט און נישט נישט, נאר טא גלאט אזוי, "פערנוסע" און דעצאל, אט דארט וואוינט א רבי און פראוועט "טישען", און זינגט זמירות אויפ'ן הויכען קול און דאס קול טראגט זיך אין דרויסען איבער די "פאור-קאוטינע" זיבעטע עוועניו.

"איך בין עטליכע מאל געווען ביים ראדאוויצער'ס "טיש", אמאל דאון-טאון, אמאל אין ראקאווי - מיט עטליכע יאהר צוריק, און אויך ערשט נישט לאנג - אויף דער וועסט סייד.

"איך בין אמאל געווען ביים "ראדאוויצער" אויף יום כפור, און האט איהם געזעהן דאווענען מוסף פאר'ן עמוד, און מען מוז זיין א ריעז צו זאגן די "עבודה", ווי ער האט דאס געזאגט. ער האט "געזאגט" מיט'ן גאנצען כח, ווי דער שטייגער, נאר איך האב געוואונדערט די קראפט, וואס ער האט אין דעם אריינגעלייגט.

"שעה נאך שעה איז ער געשטאנען געדאווענט הויך, געזונגען העכער פון אלעמען, הייס איז געווען, דאס בית המדרש זיינס פול, איך, דאוונענדיג שטיל, האב איך זיך געפיהלט שוואך, מיעד, און דער ראדאוויצער נאך שטונדען פון זינגען די פיוטים אויף דער העכסטער אקטאווע, איז געשטאנען פריש, קרעפטיג און פעסט.

"איך האב דעם "ראדאוויצער" אויך געזעהן שמחת תורה צו הקפות, איז דאס געווען אמת שעהן, ער טאנצט נישט אליין, נאר מיט גאנץ קהל ארום גערינגעלט, ארומגענומען מיט אלעמען געהט דער תורה-טאנץ, אין פולען ברען, דאס ספר תורה אנגעטאן מיט ר' פנחס קארעצער'ס קרוין, א קרוין אן אנטיק א טייערער אין זיין האנד, די אנדערע ספרים בעהאנגען מיט פיעל ציערונג און געזונגען און געהוליעט.

"און איצט צום "טיש" אויף דער וועסט סייד.

"מיר זענען שכנים זענען מיר. נאר עטליכע הייזער ווייט פון מיר וואוינט דער "ראדאוויצער". איך בין דארט דער "עלטערער שכן". אלס דארטיגער תושב, בין איך א פרייטאג-צו-נאכטס אריין איהם צום טיש.

"עס איז געווען אן עולם, די מעהרהייט עלטערע און אלטער, עס זענען אבער אויך געווען עטליכע יונגע לייט, אין דעם "בית המדרש" זיינעם שטעהט אן ארון קודש, אן עמוד, דער גרויסער טיש איז געווען בעשטעלט מיט א סאך זילבערנע לייכטער פון די אנטיטשנע, אויף שטוהלען ביי דער זייט זענען געזעסן עטליכע אינגלעך, וואס טאטעס האבען מיטגעבראכט.

"קיין וויין האט מען נישט "געשטעלט", אבער ביער יא, אן עלטערער איד, א מקורב, האט דערלאנגט א גלאז ביער איטליכען, "שיריים" האט דער עולם נאר גענומען פון צימעס און געכאפט און נישט מיט די פינגער, נאר שוין מיט גאפלען.

"אבער דאס שעהנע ביים "טיש", איז געווען דאס זמירות, עטליכע זענען געווען פון די זינגער, יעדער -א קאפיטעל, א יונגערמאן האט גאר דבקות'דיג געזונגען, אבער דאס שענסטע איז געווען "י-ה רבון עלם", וואס דער רבי האט געזונגען און דער עולם האט צוגעהאלפען.

"עס איז געווען א מייסטער שטיק פון געזאנג, אזויפיעל בענקשאפט און געבעט, דער רבי האט געזונגען "סאלא" 'ואפק ית עמך מגו גלותא', האט דאס בעטענדיגע געזאנג אויפגערעגט ביז טרערן.

"דער ראדאוויצער האט אויך געזאגט "תורה", איז



א בילד פונעם מאקארובער רבי אין ווינּיפעג, ארום געמונען מיט חסידים ביי א טיש

דאס געווען סאמע נוטריקינ'ס און גימטריאות, און וועגן "סמך מם מיט זיין בת זוג".

"איך בין געזעסען און געהערט און געטראכט זיך: אט האט איהר! די וועסט סייד, הא? גוים וואוינען דא ארום, עס וואוינען אויך אזעלכע אידען וואס ווייסען נישט קיין סך מעהר פון אידישקייט, ווי זייערע גוים שכנים און א גוטער איד וואוינט אין מיטען און זינגט אויך אויפ'ן קול, דאס געזאנג טראגט זיך ווייט אין דרויסען 'ואפק ית עמך מגו גלותא'!"

## • חסיד'ישע שוהלן אין דער איסט סייד

דער אידישער געגענט פון לאוער איסט סייד איז מער ווייניגער געווען צעטיילט לויט די מדינות פון וואו מען איז געקומען. עס איז געווען א רומענישע קווארטאל, און אזוי אויך רוסישע, ליטווישע און עסטרייך-אונגארישע. און יעדער האט באלאנגט דוקא צו זיין חבורה פון מענטשן, דעריבער האבן געקענט זיין אויף איין גאס אזויפיל שולן, און אלע זענען געווען איבער געפולט, דער מצב אין די איסט סייד האט זיך געפילט ווי אין א אידישער געטא. נישט אלע זענען געווען סטאנציאנירט אין ספעציעלע בנינים וואס זענען מתחלה געבויעט געווארן אויף דעם צוועק, נאר לאנד'ס לייט האבן זיך גרופירט און אפגעדינגען קליינע דירות אדער שטאקן וואו זיי האבן געדאווענט און פארברענגט אינאיינעם.

פאלגענד איז א טיילווייזע ליסטע פון די חסיד'ישע שולן, קלויזן און שטיבלעך וועלכע האבן זיך געפונען אין די מאנהעטען ס'רוב פון זיי אין די איסט סייד געגענט, יעדע פאר זיך וואלט זיך זיכער פארלאנגט אן אייגענע היסטאריע, דארט האבן אידן פארברענגט אינאיינעם בתורה וחסידות, געגעסן סעודות מלוה מלכה און באלאכטן די הערצער:

תפארת ישראל אנשי **שטעפינעשט** - 165 אלען סטריט, קהל חסידים **טאלנא** - 9 אטוירני סטריט, **דוקלער** מגן אברהם שוהל אנשי גאליציע - 87 אטוירני סטריט, **וולאדאווער סלאוויטישער** גמילת חסדים פאריין - 93 אטוירני סטריט, חסידי **סאדיגורא** תפארת ישראל מרוזין - 102 אטוירני סטריט, תפארת ישראל **אנשי ספרד**




מעזריטשער שוהל אין די איסט סייד

**גאליציע** - 90 עוועניו סי, ראווא-רוסקא קהילה -8 עוועניו די, משניות חסידי **טריסק ומקארוב** - 269 ברום סטריט, בית הכנסת אנשי **ליובאוויטש והאמיליער** - 201 ברום סטריט, חברה **ספרד אנשי פוילן** - 236 ברום סטריט, חברה **ישועות יעקב** אנשי ספרד - 52 קאנאן סטריט, **עדת ישראל** אנשי גאליציע "ניין און ניינציגער שטובל" - 99 קאנאן סטריט, **טשארטקאווער רבי** ר' דוד משה פרידמאן שוהל - 80 קלינטאן סטריט, **סאדיגערער לוצקער** - 90 קלינטאן סטריט, אנשי **סקאהל בעלזא** - 66 קאלאמביע סטריט, כורת ברית **אנשי ספרד** - 80 קאלאמביע סטריט, תפארת יוסף אנשי **פרעמיסלא** - 81 קאלאמביע סטריט, קאנגראגעישאן **רבי מאיר פרעמישלאנער** - 92 קאלאמביע סטריט, חברה קדישא **לוי יצחק מבארדיטשוב** - 178 דילענסי סטריט, שומרי שבת אנשי **ליבאוונע וואהלינער שוהל** - 203 דיוויזשאן סטריט, **צמח צדק נוסח אר"י** דהארלעם - 81 איסט 100'טע סטריט, אנשי חסידי **וויזשניץ** אוסטרייך - 375 10'טע סטריט, ביהמ"ד **נוסח האר"י** - 112 איסט 110'טע סטריט, **טשארטקאווער רבי** דוד משה פריעדמאן קאנגרעגעישאן - 30 איסט 1'סטע סטריט, **הרב האגער זאלישטשיקער** ערשטע פאראיין - 193 איסט 2'טע סטריט, יד חרוצים **מאנוסטריטש** - 214 איסט 2'טע סטריט, דורשי טוב אנשי **אנטיניע** - 62 איסט 4'טע סטריט, בני חיים מחנה ראובן **דקאלבאסאוו** - 622 איסט 5'טע סטריט, אגודת אחים אנשי **קאזניץ** - 98 איסט בראדוויי, אהבת אחים אנשי **טאמאשאוו פיעטריקאוו** - 177 איסט בראדוויי, אגודת אנשי **סקאהל** - 206 איסט בראדוויי, **יאסי באהושער רומענישער** קלויז - 174 איסט האוסטען סטריט, בני בנימין אנשי **באלאחאוו** - 328 איסט האוסטען סטריט, בני יוסף אנשי **רימינוב** - 435 איסט האוסטען סטריט, בני לוי **דקאלבאסאוו** - 438 איסט האוסטען סטריט, ערשטער אוהב שלום אנשי **אוסטראה** - 133 עלדרידזש סטריט, **רומענישער שוהל** - 85 פארסייט סטריט, בית לחם יהודא אנשי **רעציצא** - 98 פארסייט סטריט, **מאלינער** חברה - 98 פארסייט סטריט, רבי שלמה שפירא אנשי **מונקאטש** - 153 גארעצק סטריט, **מנחם ציון נוסח אר"י** - 40 גאוועניער סטריט, חסד לאברהם אנשי **טריסק** - 436 גרענד סטריט, חברה **בית חסידים דפוילן** - 410 גרענד סטריט, **תולדות יצחק נוסח ספרד** - 85 הענרי סטריט, חברה אנשי **אלט קאנסטאנטין** - 136 הענרי סטריט, חסידי **ליובאוויטש** - 169 הענרי סטריט, **חברה נוסח אר"י** - 184 הענרי סטריט, אנשי **שלום קוידינאווער** - 193 הענרי סטריט, אנשי **באברויסק** - 203 הענרי סטריט, בני יצחק אנשי **לעכאוויטש** - 217 הענרי סטריט, אהבת שלום אנשי **וויזניצא** - 92 העסטער סטריט, חברה אנשי שלום **קוידינאוו** - 33 דזשעפערסאן סטריט, מחזיקי אמת ערשטער **גארליצער** קאנגרעגעישאן - 101 לואיס סטריט, בני משה חסידי **קאברין** - 27 לודלאו סטריט, בית אהרן אנשי **קוידינאוו** 141-148 מעדיסאן סטריט, כתר תורה קהל חסידים אנשי **קורעוויץ** - 116 מאנראו סטריט, בני משה חסידי **קאברין** - 80 נארפאלק סטריט, **קדושת לוי מבארדיטשוב** - 17 ארטשערד סטריט, חברה אנשי **זיטאמיר וואהלין** - 32 ארטשערד סטריט, חברה **תפארת אחים אנשי ספרד** - 36 ארטשערד סטריט, **אגודת אחים משדה לבן** - 48 ארטשערד סטריט, **מעזשבוזשער** פאראיין - 48 ארטשערד סטריט, חברת בית אהרן וישראל חסידי **סטאלין** - 52 ארטשערד סטריט, ערשטער חברה **אומאנער** קאנגרעגעישאן - 56 ארטשערד סטריט, חברה אהבת אחים אנשי **קרוסנא** - 28 פייק סטריט, אהבת אחים אנשי **ראדאמישל** - 15 פיט סטריט, אוהב ישראל אנשי **מעזשבוז** - 24 פיט סטריט, **רבי מאיר פרעמישלאנער** אינדעפענדענט חברה - 36 פיט סטריט, אגודת אחים **מקראקא** - 54 פיט סטריט, חברה בני יעקב אנשי **טשערנאוויץ** - 62 פיט סטריט, ערשטער **דזיקאווער** בית המדרש - 64 פיט סטריט, ערשטער **חאדראווער** - 64 פיט סטריט, חסידי **באיאן** אנשי רוסיא - 64 פיט סטריט, אחים ורעים אנשי **בריזדאוויץ** - 80 פיט סטריט, אנשי **זאלקאוו** תבואת שור - 87 רידזש סטריט, מחזיקי הדת אנשי **זבאראוו** - 89 רידזש סטריט, לינת הצדק אנשי **ראזדאל** - 110 רידזש סטריט, **זבאראוווער** ערשטער קאנגרעגעישאן - 118 רידזש סטריט,

**עטרת חיים האלבערשטאם צאנז** - 118 רידזש סטריט, אגודת אחים **שינאווער** קלויז - 122 רידזש סטריט, מחזיקי הדת אנשי **זלאטשוב** - 189 רידזש סטריט, פשעוואַרסקער ערשטער אנשי **פריסטיק** - 145 רידזש סטריט, ערשטער **ווארשאווער** קאנגרעגעישאן - 58 ריווינגטאן סטריט, חברה שארית ישראל **באהוש שטעפינעשטער** קלויז - 81 ריווינגטאן סטריט, **גוואדזיצער** אינדעפענדענט קאנגרעגעישאן - 125 ריווינגטאן סטריט, תפארת ישראל ערשטע **קאלושער** קהילה - 125 ריווינגטאן סטריט, **קאמינקער** ערשטע קהילה - 125 ריווינגטאן



אין די שפעטערע יאהרן ווען די אידישע קאנצענטראציע אין די איסט סייד האט זיך אויף געלעזט האבן זיך רוב שוהלן צוביסלעך צוזאמען געשמאלצן איינע מיט די אנדערע ביז זיי זענען אינגאנצן איינגעשרומפן דאן האבן זיי זיך ווידער צוגעשטעלט צו אנדערע ביז עס איז געבליבן וואס עס איז דא היינט צו טאגס די פאר קליינע שוהלן וועלכע האבן נישט קיין גרויסער עתיד.



אידן אין די איסט סיידער גאסן

סטריט, ערשטער **זאבילטאוווער** קאנגרעגעישאן - 134 ריווינגטאן סטריט, אנשי **ברעזאן** - 155 ריווינגטאן סטריט, חברה **ריעים אהובים מריבישוב** אנשי פוילן - 237 ריווינגטאן סטריט, אנשי יושר אנשי **סאקאלאוו** - 220 2'טע עוועניו, עטרת חיים האלבערשטאם **צאנז** - 48 שעריף סטריט, בני משה הארוויץ **ראזוואדאווער** קאנגרעגעישאן - 49 שעריף סטריט, **דזיקאווער** חברה - 77 שעריף סטריט, קאנגרעגעישאן שומרי הדת **סאניקער** - 77 שעריף סטריט, **דינאווער** קהילה - 178 סטאנטאן סטריט, **קאלאמייער** אינדעפענדענט קהילה - 180 סטאנטאן סטריט, **מאקארובער** ערשטער קהלה - 180 סטאנטאן סטריט, עטרת **יהודא צבי מסטרעטין** - 296 סטאנטאן סטריט, ביהכ"נ חברה ספרדים **דפוילן** - 71 סאפאלק סטריט, חברה קדישא תלמוד תורה **אנשי פוילן** - 169 סאפאלק סטריט, כל ישראל **אנשי פוילן** וועסט - 114'טע סטריט, בני רבי אורי אנשי **סטרעליסק** - 48 ווילעט סטריט.

אין די שפעטערע יאהרן ווען די אידישע קאנצענטראציע אין די איסט סייד האט זיך אויף געלעזט האבן זיך רוב שולן צוביסלעך צוזאמען געשמאלצן איינע מיט די אנדערע, ביז זיי זענען אינגאנצן איינגעשרומפן, דאן האבן זיי זיך ווידער צוגעשטעלט צו אנדערע ביז עס איז געבליבן וואס עס איז דא היינט צו טאגס, די פאר קליינע שולן וועלכע האבן נישט קיין גרויסער עתיד.

דאס אלס איז געווען דער עיקר קאנצענטראציע, אבער אויך איבער אנדערע געגענטער איבער ניו

יארק זענען אינוואדירט געווארן דורך חסיד'ישע אידן. בראנזוויל אין איסט נוא יארק איז געווען א ריזיגע צענטער, און אפילו וויליאמסבורג האט אויך געהאט א באדייטנדע צאל חסיד'ישע אידן.

הרב חיים מרדכי טווערסקי שי' לאוי"ט אב"ד טשערנאביל, דערציילט וויאזוי זיין זיידע דער לויעווער רבי זצ"ל, האט זיך קודם באזעצט אין פיטסבורג, און נאך וואס עס איז נישט געווען קיין תלמוד תורה פאר אים, און דער רעגירונג האט פארלאנגט דאס ער זאל גיין לערנען אין די פאבליק שולע, איז זיין זיידע דעם ערשטן טאג אריבער געקומען אין שולע, אים ארויס גענומען, און נאך יענע טאג זיך אריבער געקליבן אויף בראנזוויל, וואו ער האט טאקע באקומען גאר א חסיד'ישע חינוך

במשך ווען דער סקווערער רבי זצ"ל, רבי איציקל בן רבי מרדכי, האט געוואוינט אין וויליאמסבורג האט ער דארט געהאט זיין שול אויף דער סאוט סעקאנד סטריט. דארט האבן געדאווענט אזעלכע אידן ווי החסיד ר' חיים גאלדנברויט א זוהן פונעם באקאנטן רבי זיידל שוחט פון קעשינוב, אויך האט דארט געדאווענט דער סאראקא'ער רב, רבי מרדכי שוחטמאן. די ביידע זענען שפעטער געווען שטארק אינסטורמענטעל אין אריבער ברענגען דעם רבי'ן זצוק"ל קיין אמעריקא.

אויך אין וויליאמסבורג געשטאנען צוויי מאקארובע שטבלעך, איינס איז געווען צוזאמען געשטעלט אויך מיט טוריסקער חסידים. ווען דער קיעלצער רבי רבי ניסן יהודא לייב זצ"ל איז געקומען אויף אמעריקא און זיך אויפגעהאלטן דא פאר צוויי יאר, האט ער זיך אויף געהאלטן אין וויליאמסבורג.

בארא פארק, איז נישט געווען אזוי שטארק באוואוינט כאטש ס'זענען געווען דארט עטליכע חסיד'ישע אידן, און אפילו רבי'ס. דער ברידער פונעם רבי'ן ז"ל רבי מנחם נחום פון סקווירא-מאחנובקא זצ"ל, און שפעטער רבי איציקל פון סקווירא זצ"ל האבן דארט געוואוינט און אנגעפירט מיט שיינע רבי'שע הויפן.



דער אוהל שעל קברו פון רבי מנחם נחום מסקווירא מאחנובקא

ווען רבי שלמה שמואל פון טשערנאביל זצ"ל איז נסתלק געווארן איז געווען באריכטעט איבער פופצן טשערנאבילער שטיבלעך, וועלכע ער האט פארמאגט דורכאויס ניו יארק, באסטאן, הארטפארד, שיקאגאו און פיטסבורג.

**• אגודת האדמו"רים**

די רבי'ס אין אמעריקא זענען געווען פאראייניגט אונטער א קערפערשאפט וועלכע האט זיך גערופען "אגודת האדמורי"ם".

אלס דער ערשטער נשיא איז געשטעלט געווארן דער מאנוסטריטשער רבי, רבי יהושע העשיל ראבינאוויטש זצ"ל וועלכע איז געווען זייער פראמינענט דאהי.

שפעטער איז דער באיאנער רבי געשטעלט געווארן אלס נשיא.

אלס סעקרעטאר איז געשטעלט געווארן, דער סקווערער רבי, רבי יצחק בן רבי משה דן זצ"ל, וועלכע איז אהער געקומען בשנת תרפ"ז. ער איז געווען דער לעצטער רבי אין דעם שטאט סקווירא אין אוקריינע, קומענדיג אהער נאר נאך וואס דער מצב איז שוין געווען ממש אומדערטרעגליך, ביז וואנעט ער האט ממש געדארפט צונעמען די בנינים פונעם הויף כדי צו קענען נוצן דאס האלץ אויף צו דערווארעמען זיך און די בני בית.

אלע אסיפות זענען פארגעקומען ביים סקווערער

רבי'ן אין שטוב. און דארט זענען איבער גערעדט געווארן אלע וויכטיגע ענינים העומדים על הפרק. אזוי אויך איז אויפגעשטעלט געווארן א געלט קאסע מיט וואס מען האט געשטיצט די אדמורי"ם פון דאהי, און די וועלכע האבן זיך געפינען אין אנדערע פארוואגעלטע ערטער.

דורכאויס די צווייטע וועלט מלחמה האט דער אגודת האדמורי"ם אויך זיך אפגעגעבן מיט א "ועד העזרה" וועלכע האט געשאפן גרויסע געלטער צו העלפן ראטעווען די אידן פון אייראפע.

פאלגענד איז א ליסטע פון אלע אדמורים וואס זענען געווען איינגעשריבן אין דער אגודה: רבי בנימין בעריש אוירבאך ירושלים'ער, האדמו"ר רבי דוד מענדיל חודרוב טאלנא וויזניצער, האדמו"ר רבי אברהם אליהו אייכנשטיין ווערעצקי, האדמו"ר רבי אברהם אייכנשטיין זידיטשויבער, האדמו"ר רבי זיידא אייכנשטיין בארשטינער, האדמו"ר רבי מתתי' אייכנשטיין דזיקובער זידיטשובער, האדמו"ר רבי משה עפשטיין אוזרובער, רבי שמואל אלי' עפשטיין ניי-שטאטער, האדמו"ר רבי שלמה זלמן פרענקל וויעליפולער, האדמו"ר רבי מרדכי שלמה פרידמאן באיאנער, האדמו"ר רבי מרדכי גאטליב סאמבאר, רבי אברהם יוסף יוסקא גאטעסמאן יאססער, האדמו"ר רבי אהרן האלבערשטאם גארליצער, האדמו"ר רבי בנימין האלבערשטאם רודניקער, האדמו"ר רבי דוד האלבערשטאם קרשאנובער, האדמו"ר רבי חיים האלבערשטאם טשעחויבער, האדמו"ר רבי חיים דוד האלבערשטאם בארדיובער, האדמו"ר רבי יחזקאל האלבערשטאם גארליץ ראדאמער, האדמו"ר רבי יצחק האלבערשטאם בארדיובער, האדמו"ר רבי יעקב האלבערשטאם טשאקאווע, האדמו"ר רבי מנחם בנימין בנציון ראטענבערג-האלבערשטאם סאנזער, האדמו"ר רבי מענדל האלבערשטאם גארליצער, רבי יואל האלפערין בערזשאנער, רבי ישראל לייב האלפערין סלאוואקיער, האדמו"ר רבי אברהם יהושע העשיל קאפיטשניצער, האדמו"ר רבי יצחק מאיר העשיל מעדזשעבוזשער, האדמו"ר רבי ישראל אליעזר האפשטיין קאזניצער, האדמו"ר רבי אשר הורוויץ שענדעשאווער, האדמו"ר רבי יצחק הורוויץ מעליצער לאווער איסט סייד, האדמו"ר רבי ישראל דוד הורוויץ שאצער, האדמו"ר רבי משה הורוויץ באסטאנער, האדמו"ר רבי יעקב ישראל קארפף זוועהיל מעדזשעבוזשער, האדמו"ר רבי צבי הירש לאנדא אליקער, רבי לוי יצחק לאנדסמאן טארנאפאלער, רבי אורי לאנגנער קיניטשער, האדמו"ר רבי משה לאנגנער סטרעטין, רבי יוסף לייפער פיטסבורגער, האדמו"ר רבי שלום לייפער נאדבורנער, רבי משה ליפשיץ פילאדעלפיער, האדמו"ר רבי ישראל מאנזאהן בראדער, האדמו"ר רבי ישראל מאשקאוויטש ז'באריווער, האדמו"ר רבי ארי' לייב פערלאוו נאוואמינסקער, האדמו"ר רבי יעקב חיים פערלאוו סטאלין דיטרויטער, האדמו"ר רבי נחום מרדכי פערלאוו נאוואמינסקער, האדמו"ר רבי יצחק יואל ראבינאוויטש מאנאסטריטשער, רבי יוסף בנציון ראבינאוויטש ארלער ברעזאנער, האדמו"ר רבי יעקב ראבינאוויטש מאנאסטריטשער, רבי ארי' לייבוש רוקח הארבאשיווער, האדמו"ר רבי יעקב דוב רוקח לינסקער, האדמו"ר רבי צבי אלימלך רוקח בערטשער, רבי שלום רוקח קאפלער, האדמו"ר רבי פינחס שלום ראטענבערג קאסאניער, האדמו"ר רבי דוד רובין סאסובער, רבי דוד'טשע רובין לענצמער, רבי יעקב בעריש רובין דאמבראוו בערלין, רבי ישראל ארי' רובין בילגוריי, האדמו"ר רבי ברוך יוסף ז"ק קאברין, האדמו"ר רבי חיים יעקב סאפרין קאמארנא, רבי אברהם פינחס ספרד קיניווער, האדמו"ר רבי מרדכי שפירא קאמינקער, האדמו"ר רבי משה מנחם שפיגל אסטראוו קאלאשינער, האדמו"ר רבי נפתלי ארי' שפיגל אסטראוו, האדמו"ר רבי פינחס אלי' שפיגל אסטראוו, האדמו"ר רבי יצחק צבי טויב מאדזיץ בראנקס, האדמו"ר רבי שאול אליעזר טויב מאדזיץ בראנקס, רבי אהרן טייטלבוים, האדמו"ר רבי יושע חיים טייטלבוים טשענקאוויצער, רבי יקותיאל יהודא טייטלבוים ליפשער, האדמו"ר רבי נפתלי טייטלבוים בריגלער, האדמו"ר רבי אלכסנדר טייטלבוים קאלבאסאבער, האדמו"ר רבי ברוך בנציון טווערסקי לויעב טשערנאביל, האדמו"ר רבי דוד מרדכי טווערסקי טאלנא ניו יארק, האדמו"ר



א שיינער בילד פון א רבי'שע פארזאמלונג אין אמעריקא, די וואס מען דערקענט זענען, ל. צו ר. הרב קעלמער נכד הבעש"ט, קאפיטשניצער רבי, באיאנער רבי, מעזבוזשער רבי, טאמאשפילער רבי, קעגן איבער דערקענט מען הרב מענדעלע חודרוב מטאלנא, דער זעוויהיל-מעזשבוזשער רבי פון באסטאן, ר' משה שמואל מקאסאני, הגאון ר' חיים ביק, רבי יעקב ישראל מטשערנאביל

רבי חנוך העניך טווערסקי מאלינער, האדמו"ר רבי יוחנן טווערסקי מאלינער, האדמו"ר רבי יצחק טווערסקי סקווירא בראנקס, האדמו"ר רבי יעקב ישראל טווערסקי טשערנאבילער, האדמו"ר רבי יעקב ישראל טווערסקי הארנאסטייפאלי, האדמו"ר רבי יעקב יצחק טווערסקי מקארוב טשיקאגא, האדמו"ר רבי בנציון יודא לייב טווערסקי הארנאסטייפאלי, האדמו"ר רבי משה צבי טווערסקי טאלנער פילאדעלפיע, האדמו"ר רבי משולם זוסיא טווערסקי טאלנא באסטאן, האדמו"ר רבי מנחם נחום טווערסקי מיראפילער, האדמו"ר רבי מנחם נחום סקווירא מאחנובקא, האדמו"ר רבי שלום יוסף טווערסקי טוריסק פראסקוראב, האדמו"ר רבי חיים משה יהושע טווערסקי - שניאורסאהן טאמאשפיל קוידענאבער.

## • רעדטוריסקער שוהל אין דענווער

פילע אידן וועלכע זענען געקומען צו די גאלדענע מדינה בכדי צו טרעפן דא דעם גליק, האבן געפונען ניו יארק צו שטארק אן אומפאסיגער שטאט פאר זיי, עס איז געווען צו שטארק איבערגעפולט און קאנצענטרירט, דעריבער האבן זיי זיך געצויגן מער צו מזרח, צו די פארמעריי שטאטן.

אין די 1870'ער (תר"ל) יארן זענען די ערשטע גרופע פון עטליכע רוסישע אידן אנגעקומען קיין קאלאראדא, און דורכאויס די 1980'ער (תר"מ) יארן האבן נאכגעפאלגט א גרויסע פלוס פון נאך אימיגראנטן.

די אידן האבן זיך באזעצט אין קאטאפאקסי א שטעטל אין קאלאראדא וואו זיי האבן זיך פראבירט צו פאראייניגן און גרינדן א אידישע קאלאניע פון פארמעריי, אבער נאך שווערע הארעוואניע איז דער גאנצער עסק צעפאלן, און נאך בלויז צוויי יאר האבן זיי אלעס איבער געלאזט און זיך באזעצט אין דענווער-א דערנעבנדיגע שטאט.

זעט אויס אז פון די אימיגראנטן זענען טייל אדער מערערע געווען טוריסקער חסידים, פון די עטליכע פארבליבענע בילדער וואס זענען פארבליבן פון דעמאלטס דערקענט מען חסיד'ישע אידן בעלי צורה מיט לאנגע בערד.

די חסידים האבן זיך פארמירט אין אן אייגענע שוהל, נאך בחייו פונעם מגיד אין יאהר תרל"ז האט זיך און דעם שוהל א נאמען געגעבן "זרע אברהם", אויפ'ן נאמען פונעם טוריסקער מגיד.

דורכאויס אלע יאהרן וואס שוהלן זענען


אדמו"ר מאליק - תרפ"ד


אדמו"ר מטורקא-סטרעטין - תרפ"ה


אדמו"ר מטוריסק - תרע"ט


אדמו"ר מטשערנאביל - תרצ"ג


אדמו"ר מבראד-רוזין - תרצ"ט


אדמו"ר מסטרעטין-טאראנטא - תר"פ


אדמו"ר ממקארוב-שיקאגו


אדמו"ר מטאלנא-וויזניץ


אדמו"ר מסקווירא-מאחנובקא - תרפ"ב


אדמו"ר מקינעוו-אוסטראה


אדמו"ר מסקווירא-בראנקס - תרפ"ז


אדמו"ר ממעליץ


אדמו"ר ממקארוב-וויניפעג - תרפ"ז


אדמו"ר מסאדיגורא-רימינוב - תרפ"ד


אדמו"ר מקאסאני


אדמו"ר מסטרעטין-טאראנטא - תר"פ


אדמו"ר מטאלנא באסטאן - תרע"ג


אדמו"ר מטאלנא-פילאדעלפיא - תרע"ג


אדמו"ר מקוברין - תרע"ו


אדמו"ר ממקארוב-זוועהיל - תרפ"ד


אדמו"ר מסטרעטין - תר"פ


אדמו"ר מנאוואמינסק - תרפ"ב


אדמו"ר מסקווירא-בארא פארק - תרפ"ד


אדמו"ר מראדאוויץ - תרע"ב


אדמו״ר מסטאלין-
דיטרויט - תרפ״ד


אדמו״ר מטאלנא-ניו
יארק - תרע״ג


אדמו״ר ממאנוסטריטש
- תרפ״ד


אדמו״ר ממאנוסטריטש-
פילאדעלפיע


אדמו״ר מארעל-
ברעזנא - תרפ״ו


אדמו״ר מהורנסטייפאל-
מילוואקי


אדמו״ר מבאיאן


אדמו״ר מקאפיטשניץ


אדמו״ר ממאדזיץ-
בראנקס - תרצ״א


אדמו״ר ממאדזיץ
- ת״ש


אדמו״ר ממאלין-
שיקאגו - תרפ״ד


אדמו״ר מצאנז-
וואלברום - תרפ״ב


אדמו״ר מיאמפאלי
- תר״ן


אדמו״ר מבראנזוויל-
יאמפאלי


אדמו״ר מזוועהיל-
מעזבוז - תרפ״ד


אדמו״ר מבאסטאן -
תרע״ג


אדמו״ר מלויעב -
תרפ״ה


אדמו״ר מקרעמניץ -
תרפ״א


אדמו״ר מירופול-
לויעב - תרפ״ה


אדמו״ר ממאלין


אדמו״ר משטפינעשט-
טוריסק


אדמו״ר מטשערנאביל
- תרצ״ה


אדמו״ר מטאמאשפיל


אדמו״ר ממיראפאל-
קאמינקא - תרפ״ג



דער זרע אברהם שוהל אין איר צווייטן לאקאל



א וואכנדיגע דאווענען אין דער זרע אברהם שוהל
צירקע 1920'ער יאהרן



דער זרע אברהם שוהל היינט צו טאגס

אריבער געגאנגען פון ארטאדאקסיע צו טראדיציאנעלע פירונגען, אדער אפילו צו רעפארם און קאנסערוועטיו, איז דער שוהל וועלכע האט געטוישט לאקאל עטליכע מאהל געבליבן א שטרענג ארטאדאקסישע, און איז נאך אפן און אקטיוו ביזן היינטיגן טאג אונטער די פירערשאפט פון הרב כהן.

ר' יונה לאנדא דערציילט אז ער האט געהערט פון לאקאלע אידן אז נאך פאר דרייסיג יאהר צוריק זענען געווען אידן וואס האבן אנגעהאלטן די טוריסקער מנהגים, און אפילו די וואס האבן א גאנץ יאהר נישט אריין געטרעטן אין שוהל נאר אין די "היי האלידעיס" קומענדיג מיט די קארס אין שוהל ר"ל, זענען זיי געקומען ראש השנה ביינאכט אנגעטוהן מיט די טליתים כמנהג טוריסק.

### • נוסח התפלה

איינע פון די גאר וויכטיגע זאכן וואס די ניי געקומענע אימיגראנטן האבן מיטגעברענגט מיט זיך, איז געווען די נוסחאות התפלה, מיט דעם האבן זיי די נוסחאות התפלה. במיוחד די וואהלינער געקומענע, וועלכע האבן זיך נישט געקענט אפרייסן דערפון. און נאכמער דאס האט זיי געמאכט פילן ווי זיי האבן איבער געברענגט אהער דעם אמאל.

הרה"ח ר' יונה לאנדא איז מאריך איבער דעם ענין אין זיין בוך פונעם מאקארוב'ער רבי, אבער עס וואלט געווען אינטערעסאנט צו ברענגען אן אינטערוויו וואס דער ליובאוויטשער רבי רבי יוסף יצחק זצ"ל האט אפגעגעבן פאר א אידישע צייטשריפט, בעת זיין ערשטע באזוך אין אמעריקא, תר"ץ. ער איז דאן געפאהרן אויף א באזוך קיין דיטרויט, מישיגען וואו דער צייטונג שרייבער האט אים פארגעלייגט עטליכע פראגן.

ווי באקאנט איז דער ליובאוויטשער רבי געווען באשאנקען מיט א זעלטענע טאלאנט פון ארויס געבן אין ווערטער, זיינע געפילן און איינדרוקן אויף סיי וועלכע מצב ער האט בייגעוואוינט.

קודם האט ער אויסגעדרוקט זיין אנטריסונג איבער דער שרעקליכער מצב אין וואס אידישקייט געפונט זיך, וויאזוי מען גיבט נישט אפ די קינדער קיין אידישע דערציאונג, זאגענדיג דערביי: "עם הארצות וואקסט זייער שנעל אין אמעריקא, מען ווערט פראסט מען ווערט פארגרעבט!"

דער ליובאוויטשער רבי איז געבעטן געווארן צו זאגן וואס פאר אן איינדרוק, עס האט אויף אים געמאכט דער אמעריקאנער אידישע לעבנס שטייגער האט ער אויף דעם געענטפערט אזוי, "אידישקייט



שאול בער מילשטיין פון די אקטיווע גרינדערס פון די זרע אברהם שוהל

איז געגליכן צו א בוך, אין מערסטנס ביכער שרייבט דער פארפאסער גאר א קורצע אריינפיר, מאכנ'דיג דער עיקר פונעם א י נ ה א ל ט, אידישקייט לייגט אויך געוויכט אויף דער אינהאלט און תוכן פון דאווענען און לערנען.

"אין דעם לאנד, אמעריקא, איז דער עיקר אינהאלט קורץ און שארף, מען איז אויסן בלויז צו מאכן שנעלע געשעפטן, ווידער דער עיקר ארבעט לייגט מען אריין אין די הקדמות און אריינפירן מען שפענדעט רוב פון די צייט אויף עדווערטייזמענטס און אנדערע סארט קאמפיינען. דאס שפיגלט אויך אפ דעם אידישען לעבנס שטייגער. צו אזא סארט לעבן, ענדיגט אפ דער ליובאוויטשער רבי, קען איך זיך אויף קיין שום וועג נישט צוגעוואוינען".

נאך אזא שארפע סטעיטמענט, האט איהם דער רעפארטער אנגעצייכענט דער פאקט אז למעשה, זענען דאך דא אזויפיל ליובאוויטשער שוהלן לענגאויס די אמעריקאנער שטאטן, אזש לויט פילע באריכטן ציילט זיך עס אויף אזויפיל ווי איבער 200 שוהלן! ואם כן ווייזט זיך אויס זענען יא פארהאנען אידן וועלכע זענען אויסן צו פראקטיציערן אידישקייט און חסידות מיט א טיפע אינהאלט?

דער ריי"ץ האט אבער אויף געענטפערט דערויף, "ביי מיר שטייט אידישקייט פיל העכער ווי בלויז "נוסח", עס מאכט נישט אזויפיל אויס די פארעם וויאזוי די תפלות ווערן אפגערעכט, דאס עיקר איז ווען פרומע אידן האלטן זיך אינאיינעם ביי זייער אידישע טראדיציעס, די אמעריקאנער חסידים, ביי זיי שטייט העכער די פארעמען וויאזוי די תפלות ווערן אפגעראכטן, אבער דער אינהאלט איז נישט פון אזא וויכטיגער פונקט".

**• מנהגים ותקנות**

אבער אין די שטורמישע וואסערן פון אמעריקא, זענען דאך געווען געוויסע אינזלען, ווי תורה מיט חסידות זענען פראקטיצירט געווארן פונקט ווי אין דער אלטער היים.

מען קען בלויז אנגעבן עטליכע ביישפילן אבער דאך שטעלט עס פאר די אנטשלאסנקייט וואס די חסיד'ישע אידן האבן פארמאגט נישט צו דערלאזן קיינע פשרות, אין זייערע קהילות.

> דארט איז געווען אן איינגעפירטע תקנה, אז ווער עס זאגט נישט אויס קיין תהלים שבת צופרי ווי עס איז דער מנהג אין טשערנאביל, קען נישט צוגיין צום עמוד דעם שבת

אין וויליאמסבורג אויף קיעפ סטריט, איז געווען א טריסק-מאקארובער קלויז, דארט איז געווען אן איינגעפירטע תקנה, אז ווער עס זאגט נישט אויס קיין תהלים שבת צופרי ווי עס איז דער מנהג אין טשערנאביל, קען נישט צוגיין צום עמוד דעם שבת.

אין די לאוער איסט סייד, איז געווען א "פוילישע שטיבל", דארט זענען געזעצן אידן על התורה ועל העבודה יומם ולילה. די פוילישע גדולים וועלכע



א איד ערש"ק אין זיין געשעפט אויף די איסט סייד מיט חלות אויפן טיש

זענען דאהי געווען, און די וואס זענען צייטווייליג אהער געקומען אויף צו שאפן געלט, האבן קובע געווען דארט א מקום לתפלתם.

ווי צב"ש דער גרויסער גאון רבי מאיר דן פלאצקי זצ"ל מחבר פונעם ספר "כלי חמדה", האט ביי זיין ווייל אין אמעריקא, קובע געווען דער "פוילישער שטיבל" אלס זיין סטאנציע. דעריבער איז טאקע אינטערעסאנט אז הגאון רבי משה ביק זצ"ל, האט ביי יענעם געלעגנהייט זוכה געווען צו באקומען "סמיכה" פון דעם גרויסן גאון. דערפאר, וואס ער האט עוסק געווען דארט בתורה אין יענע צייט וואס דער גאון האט זיך דא אויף געהאלטן.

אט דער שוהל האט געהאט א תקנה, און עס איז געווען א קלארע סעיף אין אירע שטאטוטן, אז אזא איינער וועלכע שערט זיך דער בארד קען ער דארט נישט ווערן קיין מעמבער. מיר דארפן אייך נישט זאגן וואס דאס האט געמיינט בימים ההם.

דער וואס האט געוואנדן צו ווערן א מעמבער, איז אדורך א "קאמיטע'ס וויזיט" אין זיין וואוינונג אום שבת. זיי האבן זיך ארומגעקוקט ווי ס'זעהט אויס שבת ביי זיי אין דערהיים, די קאך, די דיינונג רום און שוין אויך אריין געבליקט אין אנדערע שטובער...

ווען דער ריסקיווער רב הרה"ג ר' אברהם שלמה כ"ץ זצ"ל וועלכע איז געקומען וואוינען אויף אמעריקא נאכן קריג, האט געזוכט וואו צו מאכן א בית המדרש איז אים אויסגעקומען אפצוקויפן א ליידיגער שוהל אין ברוקלין.

דער געגענט איז געווען שטארק פארלאזט. דערפאר וואס פון פריער זענען דארט באזעצט געווארן דורך די "דזשאוינט", רוסישע פליטים, און די יונגווארג וועלכע זענען אונטער געוואקסן האבן זיך אוועק געצויגן פון דארט, איז עס געווארן אויסגעשפילט. און מ'האט געקענט אפקויפן דארט פאר זייער ביליג.

האט איינער פון די אלטע תושבים אים דערציילט. אז אט דער ביהמ"ד וואס ער האט געקויפט איז געווען דער ערשטער אין די געגנט זיך צו פארמאכן. ווייל דארט האבן געדאווענט א גרופע חסיד'ישע אידן, און זיי האבן געמאכט א תקנה אז ווער עס שניידט זיך דער בארד, קען נישט ווערן אנגענומען אלס מעמבער אין דער קהילה.

אזוויי דער יונגערע דור, איז געווארן שוואכער אין אידישקייט און זיך אנגעפאנגען צו שניידן די בערד. האט דער ביהמ"ד צוזאמען גערופען אן אסיפה, וואו מ'האט אפגעשמועסט מבטל צו זיין דער תקנה, און יא אננעמען די וואס שערן זיך די בארד.

האט זיך אויף געשטעלט איינער פון די עלטערע מתפללים און צוגעגאנגען צום ארון הקודש, און מיט קולי קולות האט ער געוויינט און געשריגן: "הייליגע תורה, זע וואס מ'וויל דא טון מיט דיר".

ווען מ'האט דאס געהערט האט מען צוריק געצויגן די החלטה און ווייטער געלאזט די תקנה. און דאס ביהמ"ד איז טאקע שנעל אויסגעליידיגט געווארן פון מתפללים.

**• ערשטע שטריימל אין נוא יארק**

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז דער ערשטער רבי ארויס צו גיין אין גאס מיט א שטריימל אויפן קאפ, איז געווען דער סטרעטינער רבי, רבי יצחק אייזיק'ל זצ"ל, וועלכע איז געקומען אהער בשנת תר"פ, דער סטרעטינער רבי איז געווען גאר א גרויסער צדיק וקדוש ער איז געווען אן איידעם ביים ערשטן טאהשער רב הגה"ק ר' משולם פייש זי"ע, ער האט פארמאגט דא פילע חסידים וועלכע זענען שוין דא געווען פון פריער, יענעם ערשטן שבת האט ארויס געראפן אזא סענזאציע אז אויף זונטאג איז דאס געווען די "העד ליינס" אין די צייטונגען.

**• צדקה און מעמדות**

די אידן פון אמעריקא זענען געווען באריהמט מיט די מדת הצדקה, עד כדי כך אז געוויסע צדיקים האבן הייסט עס, זיך אויסגעדרוקט אז אמעריקא האט זיך אויסגעקויפט מיט זייער צדקה, און דערפאר האט זי נישט געהאט קיינע מלחמות פון פרעמדע לענדער אויף איר אייגענע באדן פאר אזויפיל יארן, אריין גערעכנט די צווייטע וועלט'ס קריג.

ווי דערציילט, זענען די אידן וועלכע האבן געפליכטעט אהער געווען די "גליקליכע", ווארום די וואס זענען נעבעך איבער געבליבן אונטער די רוסישע הערשאפט קודם פון צאר, און דערנאך פון די בולשעוויקן, זענען געווען אויף גרויסע צרות.

די רוסישע אידן דאהי, האבן אין אזא מצב נישט פארגעסן פון זייערע ברידער, נאר זיי געדענקט אין זייער נויט און אהיים געשיקט הויפענעס מיט געלט, צו לינדערן זייער שווערער מצב.

יעדעס שטאט, שטעטל און אפילו געגענט האט געהאט א געגרינדעטע לאנדסמאנשאפט דאהי אין ניו יארק, פון פאראייניגטע לאנד'ס און שטאט'ס מענער, וואס אויסער דאס וואס זיי האבן זיך אפגעגעבן מיט איינבירגערן די ניי געקומענע אימיגראנטן, און צו שטעלן פאר זיי סאציאלע הילף, אויך געטון זייער פיל אהיים צו שיקן געלט פאר די פארבליבענע אידן.

גאר א ספעציעלקייט האבן די אידן דא אין אמעריקא ארויס געוויזן פאר די הייליגע צדיקים וועמען זיי האבן איבער געלאזט אונטער זיך, די אידן זענען געווען ארום גענומען מיט גרויס בענקשאפט צו זיי און צו אלעס וואס האט געהאט א שייכות צו זייער די אמאליגע לעבן.

זיי האבן דערפאר זיך ארגענעזירט אהין צו שיקן "מעמדות", און אזוי ארום אנהאלטן דעם קשר מיט די צדיקים, מיט דעם געלט האבן זיי אויף געהאלטן די רבי'שע הויפן, וועלכע זענען געווען זייער שטארק אנגעוויזן דערויף.

זיי האבן דערפאר זיך ארגענעזירט אהין צו שיקן "מעמדות", און אזוי ארום אנהאלטן דעם קשר מיט די צדיקים, מיט דעם געלט האבן זיי אויף געהאלטן די רבי'שע הויפן, וועלכע זענען געווען זייער שטארק אנגעוויזן דערויף.

אויך איז באקאנט, אז אינעם רבי'שע הויף אין דער שטאט סקווירא אין אוקריינע שטייט א גרויסער און שיינער בנין, וועלכע האט בחייו פונעם רבי'ן רבי דוד'ל סקווערער געדינט אלס א הכנסת אורחים, צו סטאנציאנירן די פולע געסט וועלכע זענען געקומען צו פארן אויף שבתים וימים טובים.



דער בנין איז געבויעט געווארן דורך ברייט הארציגע נדבות וואס די חסידים פון אמעריקא האבן אויף געטריבן דערפאר.

**● געלט פאר בני מרן מהר"ד**

אין די מאוימ'דיגע מצב פון דער יאר תרע"ט ווען שחיטות האבן איבערגענומען גאנצעטע שטעט און שטעטלעך ארום רוסלאנד, און פאגראמטשיקעס האבן געבונטעוועט אין אלע עפנטליכקייטן, איז דער רבי, כ"ק מרן רבי דוד'ל סקווערער זצוקללה"ה אנטלאפן קיין קיעוו צוזאמען מיט די גאנצע משפחה, אין דער מצב פון נע ונד האבן זיך עטליכע פון די משפחה אנגעשטעקט מיט שטערבליכע קרענק פון וואס זיי זענען ליידער נישט אויף געשטאנען, די מאטערנישן זענען געווען אומדערטרעגליך.

און ווען דערויף איז אויך דער רבי, כ"ק מרן רבי דוד'ל זצוקללה"ה נסתלק געווארן אום ט"ו כסלו, זענען די אלמנה, די רעבעצין ציפורה, מיט די ברייטפארצווייגטע משפחה פון קינדער און אייניקלעך איבער געבליבן ארעם און צעקלאפט. נאנטע פריינד האבן טאקע פראבירט אלעס וואס מעגליך צו לינדערן די שמערצן, אבער דער מצב איז געווען געפערליך.

דאן איז אנגעקומען א בריוו קיין אמעריקא, ווי דער רבי, רבי איציקל פון קעשינאוו זצ"ל בעט זיך ביי זיינע ברידער אין אמעריקא, אז מען זאל קומען צו הילף פאר די בני המלוכה, די קינדער פונעם רבי'ן רבי דוד'ל, אין דעם בריוו שילדערט ער דער ביטערע מציאות, אין וואספארא צרות זיי געפונען זיך.

באלד איז אראנגעזירט געווארן א באראטונג וועלכע איז פארגעקומען אינעם מעזשבוזש'ער קלויז אויף 48 ארטשערד סטריט, אין דער לאוער איסט סייד מאנהעטן. ביי דער אסיפה זענען זיך צונויף געקומען אלע חסידים און לאנד'ס לייד, פריינד און אנהענגער פון די סקווירא צדיקים, און מען האט צוזאמען געשטעלט א באדייטנדע סומע געלט, וועלכע איז געשיקט געווארן ארויס צו העלפן דעם רבי'נס קינדער.

דעם רבי'נס קינדער האבן ווייזט אויס צוריק געשיקט פאר די נדיבים א ספעציעלע קבלה, ווי מיר געפונען א מודעה אין דער אידישער ארגאן, "דער מארגען זשורנאל" וועלכע טוט מעלדן איבער א סעודה וועלכע וועט גע'פראוועט ווערן, טאקע אין דער מעזשבוזש'ער שוהל, צו דער דריטער יארצייט פונעם רבי'ן רבי דוד'ל.

אינעם מודעה ווערט אויך איבערגעגעבן: **"מיר האבן זייער וויכטיגס צו פערהאנדלען, אויך די וואס האבן געגעבן מעות בשביל בני אדמו"ר הקדושים, ווייל אסאך אדרעסן זענען ביי אונז פערלארן געגאנגען, דער וואס קען ניט קומען נאך זיין קבלה, אדער וועלכע וויל שיקען מעות בשבילם זאל שרייבן זיין אדרעס לר' יעקב שו"ב קאוועלמאן".**



לחסידי סקווירא און לאנדסלייט
אויפמערקזאם
הצדיק אדמו"ר זצ"ל מהור"ר דוד ז"צ זצללה"ה
באשר דער יאהרצייט והילולא מהרב
טווערסקי מסקווירא
וועט זיין ט"ו כסלו, היינט בערב, בכן
בעטען מיר אלע חסידים און לאנדסלייט
צו קומען
לבה"מ מעזשביזשער, 48 ארטשארד
סטריט, בשעה 7 בערב, יום ב'
מיר האבען זעהר וויכטיגעס צו פער-
האנדלען. אויך דיא וועלכע האבען געגע-
בען מעות בשביל בני אדמו"ר הקדושים
זאלען קומען צונעמען זייערע
קבלות בחתימת ידי הבני הקדושים
ווייל א סך אדרעסען זיינען ביי אונז
פערלארען געגאנגען. דער וואס קען ניט
קומען נאך זיין קבלה אדער וועלכער וויל
שיקען מעות בשבילם זאל שרייבען זיין
אדרעס לר' יעקב שו"ב
JACOB KOVELMAN
643 Wales Ave., Bronx, N. Y.

זעט אויס אז דער מעזשבוזשער שוהל איז געווען א צענטער פאר סקווערער חסידים ווייל איך האב גראדע געפונען א מציבה פון א איד ר' משה יחיאל




זאלצמאן, וועלכע איז באערדיגט אין די חלקה פונעם מעזשבוזשער שוהל אויף דער מאונט ציון סעמעטערי אין מאספעט ניו יארק. עס איז ספעציעל אינטערעסאנט אז די קינדער האבן געפילט פאר וויכטיג אויף צו שרייבן דאס ער איז געווען א סקווערער חסיד, א זאך וואס ביי די קינדער איז געוועגטליך נישט אנגעגאנגען.

איך בין אויך באקאנט אז ער האט טאקע איבערגעלאזט ערליכע אייניקלעך אין אמעריקא, שומרי ועוסקי תורה ומצוות.

**• מעמדות פאר די צדיקים לבית טוריסק וראחמסטריווקא**

איינער פון די גאר געהויבענע חסיד'ישע אידן וועלכע האבן בימים ההם געפליכטעט אויף אמעריקא, איז געווען החסיד ר' אלי' צבי פינקלשטיין ע"ה.

ר' אלי' הערש איז געבוירן געווארן אין יאהר תרט"ו צו זיינע עלטערן, פון די חשוב'ע חסידים ביים טוריסקער מגיד. ניינצן יאר איז ער אליין געפארן צום מגיד און דערנאך צו זיינע קינדער.

אין יאר תר"ע אין ברען פון רעוועלוציעס, האט ר' אלי' הערש אויך גענומען זיין אייגענע וואנדער-שטעקן און זיך ארויס געלאזט קיין אמעריקא, אבער נישט פאר ער האט זיך גזעגנט מיט זיין רבי'ן, ר' יעקב לייב'לע פון טוריסק, וועלכע האט אים אוועק געשאנקן זיינס א העמד, עס זאל איהם דינען אלס א שמירה.

ר' אלי' הערש איז געווען א מוסטער פון א חסיד'ישער איד. און אפילו דאהי, שוין אין אמעריקא, בשעת אנדערע חסיד'ישע אידן האבן זיך "אמעריקאנעזירט", האט ער נישט משנה געווען קיין כי הוא זה פון זיין חסיד'ישע פירונגען. דאס שמחת החיים וואס ער האט פארמאגט האט ארומגענומען אלע זיינע ארומיגע, איבער'ן טאג האט ער שטענדיג געזינגען פריילי‌כע לידער אזוי אז ווען ער איז אריין אין ביהמ"ד האט עס אלעמען דערפריידט. דערפאר איז ער גאר שנעל באליבט געווארן און איז אויך באקאנט געווארן אלס אן איש מורם מעם, איינער וואס לעבט נישט פאר זיך נאר פאר אנדערע. און עס האבן זיך געקלאמערט ארום אים אנדערע חסיד'ישע אידן, צו וועמען ער האט שטענדיג גערעדט עניני חסידות, און אריין געבאקן אין זיי אמונת צדיקים.

ווי איינער וואס איז געווען גוט באקאנט מיט דער מצב פון די אידן, וועלכע האבן זיך נאך געפונען אונטער די רוסישע מלוכה, ובפרט דער מצב אין וואס די צדיקים האבן זיך דאן געפונען. האט ר' אלי' הערש עוסק געווען אין מחזק זיין די רבי'שע הויפן פון די טוריסקער צדיקים. ער האט עוסק געווען מיט אומגעהויערע כוחות צו זאמלען נדבות צווישן די נדיבים, און ער האט דאס געלט געשיקט אויף רוסלאנד, צוזאמען מיט די קוויטלעך וואו ער האט מזכיר געווען די נעמען פון די נדיבים.

ר' אלי' הערש האט קובע געווען זיין פלאץ צו דאווענען אין דער בית המדרש אנשי בראד, וואו דער רב איז געווען הרה"ג ר' אפרים זלמן היילפרין זצ"ל, פון די גרויסע רבנים דאן אין ניו יארק, וועלכע האט פון פריער געדינט ברבנות אין די קהילות פון פרעמישלאן און ברעזאן.

חוץ דעם זענען אויך געווען פילע רוסישע אידן וועלכע זענען געווען מקושר צו די צדיקים פונעם ראחמסטריווקער הויף, און בכלל האבן די רוסישע אידן געפילט די הוילקייט פון נישט זיין אין שאטן פון די צדיקים, דערפאר האבן זיי זיך שטארק אנגעשטרענגט על כל פנים אהין צו שיקן "מעמדות". רבי מנחם נחום'טשע פון ראחמסטריווקא זצ"ל, האט גענאסן פון א שטארקע אנהענגערשאפט דאהי, און עס זענען פארבליבן פילע בריוו פון יענע תקופה.



די ראחמסטריווקא ברודער פון ירושלים, מיטן טעפליקער רב

אין אן אינטערעסאנטע בריוו וועלכע איז פארבליבן פון רבי נחומ'טשע, דרוקט ער אויס זיין אפטימיסטישקייט איבער די התקשרות וואס די ראחמסטריווקא חסידים אין אמעריקא פילן נאך כלפי זיין פאטער הרה"ק רבי יוחנ'טשע און צו איהם, אזוי אויך דערמאנט ער די נאנטשאפט וואס די חסידים האבן געפילט צו זיין פאטער או"ו, אט לייענט: "אך זאת אגיד לכבודו הרם, כי כמעט כל החבורות אשר באמריקה מתושבי אוקראינה כולם יודעים היטב את שם אבי זצוקללה"ה, וגם את שמי, והמה מאנשי שלומנו, וכמעט כולם המה ממעריצנו וממכבדנו, ואדמה אשר עודם זוכרים המה מה היה האהל מועד הזה אשר בעיירה הקטנה יפה להם, קרוב לשני יובלות שנים היו לתל תלפיות כעמוד האש המאירה באפילה, להאיר להם הדרך בכל תנאי ואופני וסדר החיים בכל המובנים, הן בחיי הכללים בכל הדברים הנוגעים בצרכי ציבור הדתיים והכלכליים, והן בדברים הנוגעים בין איש לרעהו, וכמו כן בדברים הנוגעים בחיי משפחה, כולם פנו ובאו לדרוש את פי הקדוש עלין כ"ק א"א זצוקללה"ה, כל איש מצוק ומר רוח שפך לפניו את מרירת לבבו, וברוח פיו נפח בהם רוח חיים וכולם יצאו מאיתו שמחי וטובי לב כי אך האמת היו נר לרגליו בלי שום נטי' צדדית למפלגה זו או אחרת, אי לזאת אדמה אשר עוד לא עממה בקרבם את זיק אהבתם ומסירותם..."

דער דערמאנטער רב רבי אפרים זלמן היילפרין, האט באקומען גאר ווארימע געפילן צו רבי נחום'טשע ראחמסטריווקער, און איינמאל אין יאר תרפ"ח האט ער שטארק גערעדט אין זיין בית המדרש איבער זיין גרויסקייט. צווישן די אנוועזנדע איז געווען ר' אלי' הערש וועלכער איז גאר שטארק נתרגש געווארן און תיכף ומיד באשלאסן צו טון למעשה, און ער האט צונויפגעשטעלט "מעמדות" לטובת רבי נחום'טשע, צוזאמען דערמיט וואס ער האט צוזאמען געשטעלט "מעמדות" פאר די אנדערע צדיקים לבית טוריסק.

זייענדיג א פייערדיגער חסיד'ישער איד, און האבנדיג א גאר שטארקע הערצה צו די צדיקים לבית טשערנאביל, האט ער שווער געארבייט אנצואווארעמען פילע אידן אין ניו יארק אנטייל צו נעמען אין שטיצן די צדיקים לבית טוריסק וראחמסטריווקא. הונדערטער אידן האבן זיך טאקע איינגעשריבן דערין, און אין יאר תרצ"א האט די רשימה געהאלטן ביי דרייצן הונדערט נדיבים...

ר' אלי' הערש האט גענאסן פון א שטארקע הערצה און שעצונג איבער זיין שווערע ארבעט לטובת הצדיקים, אויך די רבי'ס פון יענע צייט וועלכע האבן געוואוינט דאהי זענען אים צו געשטאנען צו הילף, איז דא א בריוו וואס איז געשריבן געווארן דורך איינע פון די גרעסטע רבי'ס וועלכע האבן דאהי געוואוינט דעמאלטס, רבי מאיר רוקח זצ"ל דער קאזלאווער רבי, וועלכע שרייבט פאר רבי נחום'טשע איבער ר' אלי' הערש ווי פאלגענד:

"החיים והשלום וכט"ס לכבוד קדושת הרב הצדיק בוצינא קדישא חסידא ופרישא, הישיש המפורסם, בנן של קדושים מהרמ"נ שליט"א.

"אחדשה"ט כמשפט לקדוש עליון כמותו ירבה בישראל, ונזכה לביאת צדקנו בימינו כן יהי רצון.

"האיש הזקן העוסק במצוות בלי שום מתן שכר, רק למען אהבת צדיקים יראי ד', ובפרט על גזע הקדושים בני הרה"ק מהר"ם זי"ע מטשערנאביל, שמו מפארים בכאן כל מי שמכיר אותו, ואומרים בכאן, ראו זה האיש ר' אלי' צבי הישיש כמה הוא עסוק עבור נכדי אדוננו הה"ק מהר"א זצלה"ה מטריסק, שנסע להה"ק מגן אברהם י"ט שנה וגם לבניו הצדיקים הקדושים זלה"ה זי"ע.

"וזה האיש ר' אלי' צבי נ"י איש זקן מע"ב שנים לאורך ימים טובים, ויש לו מדה הקדושה הזאת שנותן בעצמו יותר מה שבכוחו ומעשה אחרים שיתנו. וראוי זה האיש ר' אלי' צבי נ"י לכבוד, כי ח"ו הוא אינו עובד על מנת לקבל פרס, ועושה כל מעשיו רק לטובת הצדיקים שיחי' שהמה בגולה (ברוסיא הסובייטית) לא בקל הוא לוקח, יש לו עבודה קשה, אך כל מי שיראת ד' נוגע בלבו מביט עליו בסבר פנים יפות, את האיש החסיד האמיתי ר' אלי' צבי נ"י. והנה אך שמעתי זה איזה זמן מר' אלי' צבי נ"י שכ"ק הה"צ ר' יעקב ליב ני"ו נתן לו כתונת שלו שיהיה לו שמירה על קיטל, זה ארבעה עשר שנים כאשר נסע ר' אלי' צבי נ"י לכאן, ומזה ידע שאיש חשוב הוא וראי לכבוד".

און ער האט טאקע זוכה געווען צו באקומען ברכות לרוב פונעם גרויסן צדיק וועלכער האט אים כסדר געשיקט בריוון, און עס האט זיך אין אים ערוועקט א גרויסע תשוקה זיך צו באזעצן לעבן זיין רבי'ן רבי נחום'טשע פון ראחמסטריווקא וועלכע האט געוואוינט אין ירושלים.

ער האט זיך תיכף גענומען דערצו, אבער דאס איז געווען גאר א שווערע אונטערנעמונג, מיר געפונען אין א בריוו, ווי ר' אלי' הערש בעט ביי רבי נחום'טשע אז ער זאל מתפלל זיין פאר אים, אז ער זאל קענען ארויף פארן קיין ארה"ק זיך צו טרעפן מיט אים ווי שנעלער.

דערפאר האט ער אנגעווענדן פילע כוחות אז דער זאך זאל זיך אויסלאזן מכח אל הפועל, אבער אזוי ווי ער האט נישט געפונען א מענטש וואס זאל פירן אויף זיין ארט די מעמדות, האט זיך אויפגעהאלטן זיין נסיעה ביז צום זומער פון יאר תרצ"א, אין לויף פון די וואכן און חדשים האט ער ארגאנאזירט אסיפות מיט עטליכע אדמורי"ם וואס האבן דאן געוואוינט אין אמעריקא ווי דער סטאלינער רבי, קאזלאווער רבי, באיאנער רבי און נאך א צאל רבנים אז זיי זאלן אנפירן מיט די מעמדות.

הערשט שפעט סוף זומער פון יאר תרצ"א, איז ר' אלי' הערש אנגעקומען אויף ירושלים.

אין א בריוו וואס ר' אלי' הערש האט געשריבן קיין אמעריקא זעט מען זיין התקשרות און אמונה צו צדיקים, ווי צווישן אנדערע שרייבט ער: "אייער געלט איז ריכטיג געקומען צום הייליגן רבי'ן, איך פונקט דענסמאל געווען ביים רבי'ן, איך האב אויפגעזוכט א געלעגענהייט ווען צו שמועסן מיט'ן רבי'ן באריכות פון אייך, איז דענסמאל פונקטליך געווען די ריכטיגע צייט ווען איך האב געקענט רעדן מיט דעם הייליגן צדיק שליט"א לאנג פון אייך.

"און דער רבי האט פונקט גענומען דענסמאל די טאבאק פושקעלע און געשמעקט, האב איך געזאגט דעם רבי'ן, אז איר זענט שוין געהאלפן געווארן, ווארים אין טריסק איז אויך דאס נעמליכע געווען, אז דער הייליגער מגיד האט ביי דער בקשה געשניפט טאבאק, האט מען שוין געוואוסט אז מען איז געהאלפן, איך קען אייך יעצט מער נישט שרייבן ווייל איך האב קיין צייט פאר יום טוב, איך וועל נאך אייך מער שרייבן באריכות, איך שרייב אייך נאר די בשורה טובה פון רבי'ן".

ער האט אויסגעלעבט זיינע יאהרן אין שאטן פון די גרויסע צדיקים די ראחמסטריווקא ברודער, נאך די פטירה פון רבי נחום'טשע האט ער זיך מדבק געווען אין זיינע קינדער די צוויי ברודער רבי אברהם בער מיט רבי דוד, און אויך צום יונגערן ברידער פון רבי נחום'טשע: רבי וועלוועלע ראחמסטריווקער. און איז נפטר געווארן כ"ג כסלו תש"ב, ומנו"כ אויפן הר הזיתים נעבן דער טשערנאבילער אוהל.